STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11177

A BOYM IN FENTSTER

Hilel Shargel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הלל שאַרגעל

אַ בוים אין פענצטער

הלל שאַרגעל

אַ בוים אין פענצטער

לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג „המנורה״ תל־אביב
תשל״ה — 1975

©
אַלע רעכט געזיכערט

Hillel Shargel / A BOJM IN FENCTER

הלל שאַרגעל / אַ בוים אין פענצטער

צייכענונגען: הלל שאַרגעל

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora" Publ. House, 24 Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

Printed in Israel 1975 — נדפס בישראל תשל"ה

דפוס לינור־טור, רח' יסוד־המעלה 39, ת"א

הלל שאַרגעל

אַ ייִדישער דיכטער איז מחויב צו זײַן אַן אומבײַגזאַמער אָפּטימיסט און גלייבער אַפילו ווען ער געדענקט גוט די ווערטער פונעם באַרימטן איטאַליענער דאַנטע אַליגיערי: „אויפן מיט פון אונדזער לעבנסוועג טרעפן מיר זיך אָן אויף אַ געדיכטער וואַלד־פינצטערניש" („אינפערנאָ", קאַנטאָ I).

ראשית איז עס פאַר אַ ייִדישן מענטש נישט קיין נײַעס — נישט פינצטערניש, מהומה, נישט אָפּגרונטן פון צער און יסורים, ווײַל, — פּאַראַלעל צו דעם נעגאַטיוון וואָס יאָגט אונדז נאָך און באַגעגנט, באַגלייטן אונדז כסדר טיפע אומאויסשעפּלעכע ברונעמס פון קוואַליקן בטחון. און ס'איז אין דער נאַטור פונעם מינדסטן פון אונדז, צו שעפּן פון די דאָזיקע קוואַלן. צו שטאַרקן זיך אַליין און נאָך אויסטיילן פון דעם בטחון־געטראַנק אויך פאַר אַנדערע. ולפי עניות דעתי, איז דאָס דער תוכן פון מײַנע לידער, וואָס האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט און זיך סוף כל סוף דערוואַרט, אַרויסצוקומען צו דער ליכטיקער שײַן, אַדאַנק דער מיטהילף פון: **ליטעראַטור־פאָנד ביים ייִדישן שרייבער און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישׂראל, און מײַן ברודער שמואל און חנה שאַרגעל.**

ה. ש.

טירן און טויערן

כ׳וואָלט

— אָנצינדן ליכטער אין איינזאַמען טונקל
און זינגען אַ ליד.
ווײַל געניט אין דער נויט
ווייס איך די פּײַן פון פאַרשעמטן.

וואָלט איך דאָס ליכט געבעטן,
וואָס שײַנט אַרײַן דורך דער שויב,
תפילה כ׳וואָלט געטאָן און געגלויבט : —
ס׳איז דאָ אַ שׂכר, אַ באַצאָלונג פאַר אַלץ.

געוואַנדלט וואָלט איך אין חלום מיט זיי
איבער טאָלן פאַרזאַלצט מיט הריגה.
זייער שטום געשריי
וואָלט איך אויסגעשוויגן אַליין
און געוויינט פאַר זיי און פאַר מיר.

איז די איינזאַמקייט אַ תהום
און דער אַ סך איז ווי אַ ים אויפגעמאַכט, —
וועל איך צינדן ליכטער
אין איינזאַמער טונקלעניש
און זינגען.

ס'איז גוט...

ס'איז גוט צו זײַן אַ בלימל, אַ רויז
אין אייגענעם קרייז,
גוט זיך צו וואַשן אין היימישן טוי —
קלאָר און ווײַס.
צו שפּילן אין בלוי פון אַן אייגענעם הימל,
ווען אַ פלאַטערל ווימלט צווישן ליכטער און שײַן
און רעדט צו דיר שטיל, רעדט אין דער נידער,
אַ שפּראַך וואָס איז לופטיק און לײַכט צו פאַרשטיין —
לאָז איך עס געניסן פונעם זאַפט וואָס אין מיר,
איך בין נישט בייז, כ'פאַרהאַק נישט די טיר,
ווייל איך ווייס:
עס וועט פאַרגיין און אויפקומען ווידער.

ס'איז גוט צו זײַן אַ קינד אַ פאַרבענקטס
אין אייגענעם לאַנד,
ווען גאָלדענע פאַרנאַכטן אין אָפּגאַנג יאָגן,
צו פאַרהייבן דעם קאָפּ אין אַ גלימער־פאַרשטאַנד,
צו זוכן די שטערן וואָס איבער הימל זיך טראָגן.

און גוט איז אַ גרײַז־גרויער מאַן צו זײַן
מיט קינדער באַרינגלט, פאַרטאָן;
די סטעזשקעס און וועגן, ווי אויף אייגענער האַנט,
אין רעגנבויגן־קרײַז קומען אָן.

נאָר אַז עס ברעכן די ביינער, און ס'איז קאַלט דער אַליין,
קענסט אים פאַרגלײַכן צו אַ שטיין.

יום־טוב

וויגט זיך די שטילקייט אויף ביימער,
דאָס נפש פון וואַלד איז פאַרטראַכט.
אַ בוים ברומט בלחש אַ ניגון.
אַז אַ שטערן ווינקט־אָן איז נאַכט.

פעלד־בלומען נייגן זיך פרום
צו גראָזן, און הערן זיך איין: —
עס ריזלט אַ טײַך און קומט
ווי אַ תּיקון אין נפש אַרײַן.

דער ירדן פליסט אינעם טונקל.
אין דפנה איז ליכט. אלמגור —
אין צעפינקלטן שײַן פון כּנרת,
דן זעט צידון און צור.

און אַ פיינלעכע דראָונג פון בערג,
אָטעמט מיט מדבר פון שטיין.
דאָס נפש וואָס היט־אָפּ דאָס ווערק,
מוז אויך זיך פאַרטײַען פון שײַן.

אַ מענטש מוז פאַרהילן דעם בוים
און די שטילקייט פון דאָרף פאַרטראַכטן, —
וואָך זײַן ער מוז, אַפילו אין טרוים,
בײַם ירדן, בײַם אומעטיקן, נאַכטן.

אַ ניגון פון פלייש און פון בלוט

אַ האַרץ פון אַ מענטש גייט־אויף פון ווייאיקער טראַכט,
עס שעלט און עס בענטשט, פאַלט־אָן און פאַרלויפט הפקרדיקער נאַכט,
עס שרייט און עס רופט פון פיינען געשטיקט,
קלאַפּט־אָן אָן די טויערן — אַלאַרמען צעשיקט
און עס רײַסן זיך כמאַרעס מיט אָנזאָג פון קומענדיקן שטורעם,
שטײַגט־אויף אַ ניגון פון פלייש און פון בלוט: —
„געבוירן אין מענטשלעכן פורעם"...

אַזוי ווערט געבוירן אַ טאָג אַ ליכטיקער, קלאָרער,
כאָטש עס שפּרייטן זיך נעפּלען, בלײַענע וואָלקנס זיך קלעבן,
אַזוי דריקט אַ מאַמע איר קינד — איר עצם, איר אָפּשײַן איר וואָרער
און שענקט אים איר זאַפט, און שענקט אים איר לעבן.

אַזוי אונדזער פּײַן זיך צעוואַקסט, און עס
זאַמלען זיך טויזנטער אָן
פאַרפויסטע, אויסגעבײַלטע הענט.

אַזוי וואַקסט־אָן אונדזער מוט
כאָטש אונדז מיט ציין מ׳צעבייסט,
אַזוי ווערט פאַרבויט שטיין אין שטיין,
אײַזן צו אײַזן פאַרשווייסט.

ווי פונקען צעבלאָזענע פון ווינטן צעטראָגן,
דעם הימל, דעם דאָרפישן, באַלײַכט;
ווי שריפות פון בונט, ווי שריפות פון מאַכט
אין חשון צעצונדן, אין סטעפּ דערוואַכט —
אַזוי אונדזער וואָרט, אונדזער ליד אײַך דערגרייכט.

ווּ עס רײַסן זיך ווינטן און כמאַרעס זיך טראָגן,
ווּ עס מוזן זײַן ביקסן ווערלף צו פּאַריאָגן,
ווּ עס רײַסן זיך וואָלקנס מיט בשורה אויף קומענדיקן שטורעם,
שטײַגט־אויף אַ ניגון פון פלייש און פון בלוט: —
„געבוירן אין מענטשלעכן פורעם"...

דאגות

איך דאַגות, צווייפל, צו חלום זיי קומען.
געבעט אויף רעגן — פאַר וואַלד און פאַר ערד
די טענה הייבט זיך אויף ביז די שטערן,
ווי אַן אומגעהערט דורשטנדיק געזאַנג.

די זריעה, די בייטן פאַרטריקנטע,
מיט וואַסער ווילן זיך באַדעקן —
צערטלט און וואַשט זיי אַ ריטם פון מיִען
דאָס געבוירן אויפצווועקן.

נאָר אַ שטיין
אַליין אויף זאַמדן קען וויינען,
אויב וואַסער ער דאַרף — זינגט אים דער ים,
אַ ליכט גיסט אָפּ אים מיט שוימיקע קרוינען,
וואָס קילן דעם דורשט, לעשן זײַן פלאַם.

נאָר אַן אומרו ברענט אין זײַן טיף,
געבוירן שטום און פאַרשוויגן
די אַליינקייט הערט דאָס דושנע געוויין,
פאַרשטיינטע חלומות פון ניגון.

אַ ניגון פון האָפן

אַ ניגון פון האָפן, אַ ניגון פון צער
און נאָך איינער מיט עכאָ פון פאַלן,
די וועלט איז פול מיט שׂרפה און זשאַר
און מיט פײַנען אָנגעהויפט.

נאָר ס'איז וואַך די שעה ווי צו גאולה־געזאַנגען
פון שווערע פרעסן די נאַכט זיך דערלייזט,
די לבנה פאַרבלאַסט, פון כּישוף געפאַנגען —
אַ וואָרט אויף ליפּן זיך רײַסט.

עפּענען זיך טויערן — גרינע געבײַען,
וועלדער ווי טרעפּ פאַרדעמפן די טריט.
דאָס געקלאַנג גייט אויף שטיל אינדערפרי
צוזאַמען מיט בענקשאַפט און שטראַלן צעגלי.

שטיל

אין פֿאַרטראַכטקייט נייגט די נאַכט
דעם זינדיקן קאָפּ פֿון טאָג,
צו חלום און דרימל.
אויפֿן ווײַסן זוים פֿונעם הימל, —
טונקעלער גראַניט און שטערן.
די נאַכט הייבט אָן ווערן
אַ פֿעלדז פֿון רו, אַ פֿעסטונג.
דער רויש פֿון מאַשין זיך צעשיט,
פֿאַרשטומט ווי אַ מויער.
דער טרויער און דאָס עצבֿות
הילן אײַן מרחקים און וואַרטן.
אין שאָטן פֿון תּפֿילה בלאָנדזשע איך אַליין,
באַגעגענען אַ ברודער, טרעפֿן אַ פֿרײַנט,
כ׳גיי אַרויס פֿון שטאָט, ווי הימל צעעפֿנט.
פֿון מײַנע הענט שטראָמט אַ בענקשאַפֿט
אַ שטיין אַרומצונעמען.

אין טאָג פון מי

איך שרייב דיר אַ ליד, האָראַציוס,
צו דיר און דײַנע געטער וואָס פאַרשווינדן. —
דורך וועלטן פון פרייד, דורך וועלטן פאַרדרוס
וואָס צעשיידן אונדז אַלע און פאַרבינדן.

איבער בערג פון גערעכט און אומרעכט,
אין דײַן שפור איך גיי און איך שטרויכל.
אויך אויף זײַטיקן וועג פון געפעכט,
וואָס גרויזאַמט דעם טאָג אין אויפטויכן.

אין געאײַל צו ספערן, צו געטער געררוימטע,
זוכן קנעכט נאָך אַלץ אַן אייגענעם האַר,
נאָר די וועלט האָט נאָך קיין רגע נישט פאַרזוימט
שלעכטס אין מחשבות צו דערקלערן.

פאַרנעפּלען דײַנע געטער, ווערן פאַרגעסן אינעם ליד
און די מי חלומט אַלץ נאָך פון פויגלישן פלי.

גוטע חלומות

בלויע בערג הילן אויף די ווײַטן,
רופן אַרויס הימל צו ערד.
וועב און פֿאַרשפּין, ליכטער זיך בײַטן —
גאָלדענע פֿעדעם אויף פֿעלדער.

באַגין.
אַ ליכטיקע וועלט.
אָפּן און הויך ווי צו הימלען אַ זײַל,
אַ צעדאַוונטע תּפֿילה מזרח־זײַט העלט —
פֿלייטן, צימבל און טענער.

אָנהייב:
מוזיק, צעשיט ווי וואָלקן־לויף,
אַ לײַכטער ניגון שוועבט.
קלאַנגען באַהעפֿטע קומען אויפֿהייבן דעם טאָג
מיט בליונג — די סעדער.

וואָס עס פֿאַרשווײַגט צײַטיקט די רו,
אַ ווינטל פּרוּווט שלווה צעשטערן.
ווערט שטילער דאָס ליד שטילער, און דו
ווילסט בשׂורה און צוזאָג דערהערן.

פון די וויַיטסטע ווײַטן

פון די ווײַטסטע ווײַטן איז אַ פאַרנאַכט אָנגעלאָפן
זיך בוקן צום געזיכט.
איבער בערג אָנגעריטן
אין רויטן זון־גאָלד, אין שטיקער פּיאָלעט
אין אַ זילבערנעם בין־השמשות ליכט —
צו ווייכע גראָזן
בלויע תפילות אויסצומירמלען
און גלעטנדיקע רייד, דעם טײַכן־בעט געגרייט.

פאַר די טעכטער וואָס שווימען שוין אין פולער נאַכט
לבנה־צײַט
הענגעןביימער זייערע צווײַגן אַריבער.
און דאָס בלויע זילבער טריפט
אויף צעפּ, אויף ברוסטן און אויף היפטן.

און ווען סע שײַנט די זון אויף, איז פאַרבליפּט דאָס זעען,
זיי באָדן זיך אין רויטן־גאָלד צעגאָסן ווי אַ רעם.
איבער דינע ווײַסע וועלן, פאַרשווינדט אַ בלענדיקער פויגל
מוטער־ליבשאַפט נעמט צונויף רויטע קרויזן און פאַרבינדט
טריפנדיקע דימענטן און פערל.

אָנרופֿן דאָס וואָרט

איך קען אָנרופֿן דאָס וואָרט,
אויפֿהילן געבעט, צער פֿון דער שכינה,
לײַטערן דאָס וואָרט, אויסגליִען, באַנײַען,
פֿון עצבֿות זיך אַרויסשפּינען.

און ווי אַ טעפּער אין מי אויסציִען ברייטער
דאָס טייגעכץ ליים וואָס איז קלעפּיק און נאַס,
כ׳קען ברענען ביזן הימל ערדענע לייטערס
און פֿאַלן ווי אַ שאַרבן אין גאַס.

איך קען אויפֿשטעלן דיך ווײַטער, וואָרט מײַנס, און גיין
אַנטקעגן דעם חלום פֿון אַלעמענס טעג,
און בלײַבן פֿאַרוואָרפֿן, פֿאַרלאָזט און אַליין,
ווי אַ לעצטער קלאַנג אויפֿן וועג.

צו ירושלים

שטראַליקער באַרג
בלויער דורכזיכטיקער קופּאָל
דײַנע ליכטיקייטן זויגסטו פון די הייכן.
צו דיר די וואַדיס און די טאָלן,
אַלע וועגן אויסגעקאַרבטע ציִען,
צאַפּלען זיך און מיִען
פּלאָנטערן, שטרעקן זיך מיט כּבוד און דרך ארץ
און אַ מאָל זיי לאָזן הערן דיך מיט שווערד און מיט צאָרן.

צו דיר דורשטן ייִנגע וועלדלעך, רײַסן זיך צו די שטערן,
און זיי בענטשן גאָר דײַן אַלטקייט אויף דער ערד.
באַגריסן דיך מיט בלויע־גרינע פעלדער
און מיט ברוינע אויפגעפרישטע בייטן.

פאַרטראַכטע און געשניצטע בלעטער־פעכערס,
טרויבן־זאַפט און שאַרפער ריח וואַשן און היילן דיך, באַרג,
און זיי קלעטערן אין עיגולען העכער
צום האַרץ פון אַלע שיינקייטן און תפילהס,
לויב־געזאַנגען אויף אויסגעלייגטע סטעזשקעס בליִען
שטיינער־טרעפּ קרײַזן גרין און שטראַלן
הייבן אויף און טראָגן דײַנע עכאָס פון התלהבות
צו ירושלים — שיר המעלות!

דאָס גאָלדענע טויער

דאָס גאָלדענע טויער פון אונדזערע חלומות
קען אָפן זײַן שטענדיק
פאַרן אויג, פאַרן אויער,
און דאָס וואָס אויפן האַרץ
דריקט אַ משׂא ווי אַ שווערער שטיין
קען פאַרגיין אינעם בלויעם טויער פון
דער ווײַסער בלענד.

ווען ס'עפענען זיך גאָלדענע טויערן
פאַר שאָרך, פאַר שוועב און פאַרמעסט,
איז עס נאָר אין הענט
פון שטילע געבעטן געווענדט.

פאַרוועב זשע פלאָנטער און פאַרגעס
די דינע אָדערן פון טרויער און צער.
ווײַל הייסער אָטעם פון ווייטיק צעברענט
אויף דער שוועל פון געזאַנג,
צעוויקל די בענדער פון געראַנגל
און די נשמות פון רוישיקע וועלדער
אין פאַרבלאָנדזשעניש פון גאָבעלינען,
געווענדער פאַרביקע מיט תפילות אויסגעהאָפטן,
ביז אין מיטן טאָג פון טרייסט
זיי וועלן קומען אָפן און אַנטפּלעקן
ווי עס וואַכט זייער חלום בײַם גאָלדענעם טויער.

ירושלימס טויערן

א

פונעם שער הגיא
דורכן וואַלדן־טויער
איז אַביימער־ראָד אין טרוים פון טאָלן
און פעלדזן הויערן אין טרויער באַפּייַכט
ווי טוי אויף אַש.

דער וועג
אַ טויערן־צעפּראַל אויף בערג
מיט ריח פון פרילינג און רעגן־וואַש
און איבער דער שטאָט בלויען די הימלען
און קינדער בלוי־ווייַסע אויפגעלייגטע בלאָזן,
זינגען אַ זונען־קלאָר געזאַנג,
וואָס נייגט צו די גאָלדענע וועלדער־בערג
און צו דער רחבות
אין ווייַטן געקלאַנג.

זיי קלעטערן צו איר
און צו די נאַקעטע ערד־פּאַסן,
צעאַקערט און פאַרזייט מיט ברוינע שטיקער,
מיט שטיינדלעך־געווימל און פאַרבן־צעהעל
און מיט אַ גרינער בענקשאַפט צום טיפן הימל.

איבער אַלע טאָלן פאַרזונקענע
איז אַ שטיל געזשום, ווי אַ געזאַנג אינעם שייַנען,
ווי אַ פלאַטער,
ווי באַוועג פון די מעכטיקע פליינען,
דאָסס לאַנד אינעם ראָדן־געגיי
פון שער הגיא.

ב

איבער גאָלדענעם טויער,
איבער רויטן זאַמדיקן שטיין,
אויפוואַכן גייט אַ ברענענדיקע זון.
איר היץ זי וועט צעגיסן איבער געזאַלצענער ברייט
אַש און פײַער און שטויביקן שימל.

די פאַרגעסענע בערג — ווי שטילע שאָף
שטייען אין פאַרלוירנקייט צום הימל געווענדט
און ווי נזירים אַלטע אין געבויגענער תפילה
גלאַנצן נידעריק זייערע קעפּ מיט הכנעה
צום מיליאָנען־יאָריקן וויסט —
טאָג און נאַכט.

דער שער הזהב איבער מדבר זיך דערהייבט
עפּעס ווילדס ער באַגרײַפט,
עפּעס שטילס ער באַגריסט
און גלייבט — די קילקייט פון ירושלים איז מחייב.
און ווי אַ קלאַנג עס וויברירט
מדבר אין לעבן אָנגעריירט —
צײַט שוין דעם טאָג אויפצוגיין.

ג

פאַרנייגט אייַך! — בעטן טויערן,
לייבן שטוינען גרוי פאַרוווּנדערט
ס'אַ ווילדער חידוש — אומגעריכט,
מחנות ייִדן קומען
אַצינדערט.

זיי באַגריסן פאַרטאָגיק
אין אַלע לשונות פון דער וועלט,
און גליק־באַרוישטע פייגל שוועבן.
אַ גלי־ענדיקע שטאָט
איז זייער שטראַלנדיקע שייַן
און זיי האַלטן דעם אָטעם אייַן.

אין פולן בלענד דאָס לייבן־טויער
גורלדיק עפנט זיי די טעג,
באַפרייַטע פונעם טרויער,
פונעם אומעטיקן וועג,

שייַנען זייערע אויגן העלער, ברייטער,
אַנטפלעקן הימלענס טיפסטן בלוי
הערצער צאַפּלען הייסער, דערפרייטער
און די ליפּן שעפּטשען:
הודו לאדוני.

ד

גרויס איז דער נאָמען, מעכטיק — אַ פּאָרכט
איז אַן עולם געקומען פאַרנעמען דאָס געהאָרך
פון די שטיינער וואָס גאַרן צו דערציילן,
פון בלאָקן וואָס דריקן מאַסיוו —
סיי ווינטער, סיי זומער, אַשיק און טריב.

פון קאַלטע טורעמס און פון בלויזע שווערדן
רינט דאָ דאָס בלוט.
אַ מקדש — פּראַכט צעגאָסן אויף מויערן
רינט ווי מלכות וויַין,
און די זינד, און תאווה, טוט דאָ הויערן.

פון סדום ביז אופל ציט אַ שאָטן
נעפּל אֶדומער פון גייסט פאַרזענקט.
די צייַט איז אַדורך און אויסגעמעקט דער שליאַך,
נאָר טויער פאַרהאָרכט איז און וואַך.

שטויביקער טויער, הורדוסעס און מרימס שטיינער.
ווי לאַנג זייער שאָטן וועט געדויערן
פון דאַנען דער וועג פירט קיין הרודיון, קיסריה.
און די שטאָט איז נאָך אייביקער ווי אַלע טויערן.

ה

צום טויער פון רחמים זענען זיי געקומען
מיט הייליקן הונגער געבויגן צו דער ערד,
וואָגלער מידע האָט וועלט זיי באַנומען,
מיט ביטערע לאָגלען זייער דורשטן גענערט.

רחמים איז אַ טויער וואָס שטענדיק איז ער אָפן,
קומען זיי צו גיין פון פאַרלוירענע וועגן.
מיט טונקעלע כמאַרעס זענען די הימלען פאַרלאָפן,
פאַרגאָסן פון שניי און פון רעגן.

יאָרן נאָך יאָרן פאַר טויערן זיי בעטן
שערי שמים, עפנט דעם גאַנג!
האָט צעלויכטענער טאָג זיי איינמאָל באַטרעטן,
ווי קלאָרער דערגרייך, ווי העלער געזאַנג.

און חסד פאַרטריבן האָט דאָס גרויע,
דאָס עצבות פון האַרץ ווי אַ ווונד אויסגעהיילט,
צעגייט זיך דער שניי, דער הימל ווערט בלויער
דאָס רחמים פון טויער איַלט זיי אַנטקעגן.

ו

דאָס מיסטן־טויער אין נעפּלען זיך רייכערט,
אַ באַרג חורבן אויף דורות זיך ליַיטערט.
און סע טראָגן זיך שדים ווי רײַטער אויף ריחות
צווישן בראָכיקע ציגל ווו סע נעכטיקן סאָוועס
וואָגלען נשמות באַוויינט פון שאַקאַלן.

הונגער־קראַנקע דעם מזבח דאָ קרוינען,
מיט גלאָש פּאַרלאָשענעם פון נאַכטיקן ברוך.
פון טונקעלע פלעשער פּחד זיי
זייגן און פלוכן אויס דעם שפּרוך.

רוימער חילות, ביזאַנטישע ריטער,
בתולות, צלמים און מכשפה־געוויטער,
שרעק סאַראַצענע מיט שווערדן קרומע
בלוטיקע כּופרים אַהער קומען.
זקנים און קינדער און הילפלאָזע מאַמעס,
און שוואַרצע געפּאַרן און אַלץ צוזאַמען.
דיאַקאָן, דערווישן, מואַדזין און פאַקיר —
צו יעדער הייל, דורך טויער און טיר.

נאָר איך אַליין שטיי דאָ און פריר
אין צער און געדולד, אין קאָסמיש צעטייל.
און עס ציט זיך די נאַכט ווי דער גלות אין טרויער
און נײַגעבוירן ווערט די שעה
אין אייביקן טויער.

ז

געגיי צו די שייטערס,
אין קייטן און רינגען
אין פינצטער הישפּאַניע, אין וויסט פּאָרטוגאַל.
אין פּאָגראָמען־געשריַי, אין שוואַרצן באַפאַל
העפּ־העפּ, העפּ־העפּ!

אויף דיַטשישער ערד,
אין פראַנצויזישן שלעכטס,
רוסישע שׂנאה,
פּוילישער האַס
די טויזנט טרעפּ
וואָס פירן אַראָפּ
צו טרעבלינקע, אוישוויץ און באַבי יאַר —
צו מבול אומקום און אויסמעק־געפאַר.

כ׳זע דאָס
ביַים זיבעטן טויער פון די טויערן.
זיי הייבן זיך אויף און זיי גייען
אַרויס פון די צערן,
זיי קומען אויסדערוויילטע
פון נייעם איבערשאַף,
דערהייכטע פון דנאָען
מיט קראַפט פון דער בשׂורה.
און יעדערער זעט דאָס נײַע געטרויען
וואָס קומט פונעם האַרץ, פון דער טיף,
דער הימל ווי דער טויער — מיט תּכלת אויפגעשאַרצט
ווײַזט זיי דעם וועג צו די מויערן.

צו ישׂראל

הייב אויף דײַנע אויגן און זע! —
פון ווײַטן זענען אַלע מיר געקומען
דײַנע ברידער און שוועסטער
פון צפון
און פון דרום.
דער גלות־טורעם אויף די וואַכן שטייט —
אַ פײַערדיקער ריז —
ער וואַרפט מיט פלאַמען, וואַרפט ער
און מיט שווערדן אויף מרחקים.

דעם אַנטלויפער
שטרעקט ער אויס האַקנס — הענט
ווי שלאַנגען פון שטאָל —
וואָס פאַנגען
מיטן פחד פון זײַן בייזן בלענד.

נאָר זיי קומען
פון פראָסטיקע אינדזלען
ווי אָפּגעריסן פון ערדס נאָפּל
אויף וואָלקנס געפלויגן — זיי קומען,
כאָטש פאַרצאָרנט נישט איינמאָל דאָס געמיט,
נאָר עס לויטערט זיי דאָס ליד,
הימלען־פענצטער זענען אָפן —
און סע שוועבט אָן דאָס האָפן
מיט ווײַסע־טויבן־גליק.

טעכטער שיינע! טאַנצט די לידער אויס און דעם חלום,
זינגט אויס די פולע פראַכט — יונגען פון גבורה!
פאַר קינד און קייט טויערן עפנט,
ווײַל לאַנד מײַנס, ביסט וועלט באַרג אַרויף.
וועלט באַרג אַרויף.

נוה־ים

אויף אַ פעלד אין צעלויכטענער שקיעה,
מיט אַ זון אויף די אַקסלען,
גייט אַ פישער און טראָגט דאָס גליִען,
גייען פעלדער מיט מיט אים און דיביימער וואַקסן.

ביז אַהער האָט בייזער ים געשטורעמט,
און אַז ס'איז געוואָרן שטיל איז דער פאַנג געלונגען,
נאָר דאָס בענקען גאָר זיך פורעמט
ווי אַ ניגון ציט דאָס האַרץ זיך אויסצוזינגען.

קומט אַנטקעגן אים אַ פרייד אַזאַ שפּרינגאיק לשון,
יונגע רעגנס אויף די פעלדער דערפרישן און אַנטבינדן,
צווישן זיך שאָרשן בלעטער דעם גאָלדן בין השמשות —
די פינכטקייט אָנצוצינדן.

אײַלט ער איבער סטעזשקעס, שוועבט און וואַקלט
און ביימער וויגן זיך — אַן אויסגעבויגענע שורה,
זיי ווייען פאַר די שוועלן ווי פענער, ווי פאַקל
אַ ווינטל זיי פאָרויס, די היימען אַ בשׂורה.

תל אביב

פרילינגס בערגל,
פענצטער צו בלויעם הימל.
ווי די ליכט געבײַען פון חלומות ביסטו
בײַם זאַמדיקן ים־שוועל אומדערוואַרט און פאַרבליפּט.
באָדסט זיך, תל אביב, מיט זון אין בלענדיקע ווײַטן.
ווען צום טיש פון יום טוב־ים שווימען גאָלדענע מאָלצײַטן.
נענטער, נענטער וויקלט אויף זיך אַ הונגער־בענקען אין בלויע פאַסן,
אַ שריט — און דער הימל פון געווענען הײַם אין תל אביבס גאַסן,
אַ וואָלקן־שוועב, אַ שקיעה, די שטאָט אַליין רוישט ווי ים.
אַ שיקמה־בוים אַן איילבירט גרינט מיט בערגלעך אַריבער פליינען,
און אַלעמענס אויגן שײַנען,
און דער ברעג פרילינגט צו די הויכן פון דער וועלט
איבער יעדנס חלום.

צו די ברעגן נייג זיך,
דער ערדס פרילינג שלום זאָג.
גוט מאָרגן! בוקר טוב!
צו די גראָזן פונעם לאַנד און צו אַלע ביימער האָף.
שוועלן בוי, גערטלעך פלאַנץ
בינטלעך מי נעם דיר מיט און טאַנץ
אויף די צײַטן פונעם יאָר דורך די אָדערן פאַרבעט
דעם ווינטער, דעם זומער און דעם קומער ביזן האַרבסטיקן גלי.
צי אויס די שאָסייען, פלאַסטער זיי בײַטאָג און בײַנאַכט
טרײַב אָן אויפהער, ברום, באַוועג,
ס׳זאָל ריזלען דאָס בשׂורה־געזאַנג, איבער הייף, גאַסן, געסלעך,
פאַרן בערגל פרילינג
אויפן מיט פון וועלטס שיידוועגן.

פּייזאַזש

אוצרות צעפּלאַטערט, מושלען און גרינס
פּינקלען אין רעגנבויגיקן קראַנץ.
באַרג אין פאַרכּישופטער רו טוט אַ קני
װעלן, װי אינדן, אים רופן צום טאַנץ.

קוקט ער מיט היילן, װי מיט אויגן פון גאָט.
אין לויטערער העלקייט טאָג זיך פאַרהאַלבט.
אין טרוימען פאַרדרימלט זעט ער עס האָט
אַ נעסט זיך געבויט — אַ שװאַלב.

אין שאַפּירענעם בלוי דער הימל איז הויך.
אַ פייגעלע פון װאַסער טויכט און הערט,
װי ס'טײַכל רינט קיל מיט פרישקייט באַהויכט,
מיט אייגענעם גוף דעם ים עס דערנערט.

און ים איז דורשטיק, זויפט מיט הנאה,
מאַכט־אָפּ זײַן ברכה איבער קװאַליקן װײַן.
און װידער ער שמעטערט, כװאַליעס פאַרטאָן
אין שיכּורן אומעט װײַטער אַליין.

אַליין בײַם ברעג

פליגל־ווייזיעס
פֿאַרנאַכטן פֿאַרבענקטע
אין אַן אויסשטרעק פֿון האַנט
עמעץ זינגט אַ ליד פֿון צער,
די שטילקייט ווערט מאָנטנע און לער.
אַ בין־השמשות אַזאַ.

פֿאַלט אַ שאָטן איבערן טאָג
פֿאַרחלשט אויף דער שוועל,
די פֿינצטערניש ווערט אײַנגעביסן
דורך אַ האַלב־לבֿנה־מויל — ווי אַ ראָגל.
דער הימל ווערט בלוי, טונקעלער סאַמעט,
אויסגעפּינטלט מיט גאָלדענע שטערן
אַ פֿאַרנאַכט אַזאַ.

פֿון די שפּיצן פֿון אַ בוים אין פֿאַרגילדט
איז ער חלומדיק שיכּור
ביז אויף כוואַליעס ווילד
אין שמעטער, אין שויס פֿון דאָרשט
אינעם האַרץ פֿון מענטש אומדערפֿאָרשט
אַליין ער גייט ווערן פֿאַרלוירן
אַליין, ער גייט אַרויס פֿון די טויערן
און ער זינגט אַ ליד אָן ווערטער, אָן אַ ניגון
אויף די פֿליגל פֿונעם פֿאַרנאַכט.

מורמלט פֿאַרנעפּלט צום ברעג
דער פֿאַרנאַכט וואָס איז אַוועק
אַוועק צו אַ ווײַטער פֿאַרגייענדיקער שיף —
צו אַ לבֿנה מיט הונגעריקע אויגן.

בנין

אין שטייניקן שפּאַן
איז ווילן פאַראַן.
ווער ס'האָט אויגן — דער זעט,
ווער ס'האָט אויערן — הערט:

אַ שטאָלענער האַמער
אין בראָנזענער האַנט
אויף פעלדזיקער וואַנט —
פאַרמעסט זיך, פאַרהייבט.

און ער נידערט און שפּאַלט,
צעקלינגט זיך און שאַלט
ווי עכאָס אין וואַלד.

אויף ערד צעגראָבענער,
אין רויען פונדאַמענט,
גיסט זיך בעטאָן
און ס'שטײַגן ווענט אויף ווענט.

אויף ערד אויף צעגראָבענער,
אָפענער טראַכט
צעוואַקסט זיך ווילן,
צעוואַקסט זיך מאַכט.

פון שטיינערנער נאַכט
אַ לעבן דערוואַכט:
פון שטיינער אויף שטיין,
פון הייכן אויף הייך — —

כ׳וואָלט געבעטן

א

ווען איך וואָלט געקאָנט פליִען
וואָלט איך געפלויגן פייַל אויסן בויגן
פון איין עק וועלט צו דער צווייטער
און נאָך אַ סך ווייַטער.
ווי אַ וויכערדיקער רייַטער פון קאָסמאָס
וואָלט איך פאַרלאָזט אויף גאָטס באַראָט
דאָס געמיט פון שׂנאה און פאַרדראָס.
קען מען ווו געפינען רו ?

דעם רויטן שטראָם פון שטעט
דעם צער וואָס קנעט
און רייַסט דאָס האַרץ,
צו אים,
צו אַ שטויב אַן אויסגעלייזטן
אין בלויען אומענד
וואָלט איך זיך געווענדט.
צו אַ זאַמדל אין רוים כ׳וואָלט געבעטן:
האָט ווער פון אייך אַ פונק פון ליכט
פאַר אַ בלייַך געזיכט
און עפּעס וואָס אויף צו רעטן אים
אין אַ רגע נויט ?

ווער פון אייַך
האָט דאָס ברויט
פון תפילה און פון טרייסט
און ווער פון אייך ווייסט ? — —

ב

ווען פליִען כ׳וואָלט געקאָנט אָט אַזוי,
אַ מאַך־טון מיט אַ האַנט, דערגרייכן אַ שטערן.
ווען איך וואָלט פליִען געקאָנט און פליִענדיק ווערן
אַ וואָלקן וואָס וואַכט איבער לאַנד, —
אַ שאָטן פאַר אַ מידן גייער;
אַ ליכט וואָס שטראַלט דורך אַ וואַנט
אַ געשלאָגענעם צו דערפרייען;
ווען איך וואָלט געקאָנט זײַן
אויפן סאַמע סאַמע תהום
דערנידערט צו דערהייבן,
ווען איך וואָלט געקאָנט אומגיין
אין יעדנס טרוים
אײַנצופלאַנצן ס׳גלייבן —
וואָלט מײַן האַרץ געפּרוּווט דערפרייען
מיט אַזאַ מין פלי,
אַז צום געזאַנג פון טאָג און נאַכט
כ׳וואָלט מײַן ליד צוגעגעבן פרײַ און פרי
אַרום דער נעסט פון מי,
ווו צײַט פליסט אין טויזנט זונען.
כ׳וואָלט זיכער דאַן
זיך אַליין געפינען.

אַ טויער צו די הימלען

די לבנה אַליין איז אַ טויער צו די הימלען.
ווער סע ווייסט נישט קען זיך פרעגן
ביי אַ בלויער לבנה־נאַכט.
למשל — אַ מענטש,
לאָמיר זאָגן אַן אָרעמער,
וואָס גליק איז נישט אין זיין פאַרמאָג
און נאָך ווייניקער,
גייט ער זיך אַרויס אַלייניקער
פונעם טויער פון זיין הויז,
זעט ער, אַז ווער ס׳וויל אַנטלויפן
פון זיך,
פונעם גורל,
קוקט שטענדיק אַרויף צום הימל,
צו די געביַיען.
עמעץ וועט אפשר אָנהייבן שרייַען,
וועט ער אויך.
נו, קוקט ער טאַקע אַרויף צו די היַיזער
זעט ער: — אומעטום איז ליכטיק
נאָר ביַי אים איז פינצטער,
פינצטער דאָס געמיט.
ס׳ערגסטע, טראַכט ער, איז צו זיין פאַרשעמט.
אויב אַזוי, גייט ער ווי אויף גאָר נישט אָנגעלענט.
איצטער איז די לבנה איַינגערעמט
אין אַ בלויעם בלענדיקן הימל
מ׳קען אַזוי אַראָפּגיין ביזן ים־ברעג
אָפּצושווענקען דעם שימל
פון דער נשמה,
פון זיך,
ס׳הייסט אויף דער גיך כאַפּן אַ נאַכטיקן שווים,

אויסטועו זיך לאַנגזאַם פון די געדאַנקען
אַרײַנגײין אינעם שטילן ים אַרײַן,
די קאַלטקייט וועט איבערנעמען בײַ אים די מחשבות,
און ער — אַ באַפרײַטער וועט אָנהייבן קומען
צום בלענדיקן טויער פון דער לבנה.

אַ בוים אין פֿענצטער

אַ בוים און אַ פענצטער

אַ בוים בײַ מײַן פענצטער קוקט צו די שטערן.
זעט ער זייער פינקלען צו יעדן נײַעם ליכט־שײַן.
זייער גאָר שווײַגן און דאָס קלערן
זעט דער בוים בײַ מײַן פענצטער, — ווייסט ער זייער מיין.

סע טרעפט, זיי בײַטן אויס די ליכטער.
וויגט דער בוים, טוליעט אין זיך אַ ווונדער־וואָרט.
און אַז זיי לאַכן און זיי בלענדן, אומגעריכט ער
לאַכט אויכעט צו דעם ווײַטן דאָרט.

ער הערט פאַרטראַכט זייער שפינען,
ווי זיי קרײַזן וועלטן און ווי זיי יאָגן;
וואָס זיי זאָגן צו די לויפנדיקע טײַכן
אין מיט פון נאַכטן און פון טאָגן.

און ווי זיי ווינטשן און פאַרגינען,
אויך פאַר שווערע הערצער זיי האָבן טרייסט.
און דער בוים פאַרשטייט זייער זינען. —
אַז עמעץ פרעגט ער ווייסט.

אַ פענצטער צום הימל

אַ פענצטער צו די הימלען
איז אַ וועלטס שלמות אין זיך.
און אויסער זיך — האָט עס אויגן, אויערן,
עס הערט יעדן יחיד כאָטש ס׳איז פאַרמאַכט.
עס האָט געפיל פאַר אַן אײנציקן קלאַנג.

אַז עס הערן זיך רייד פון אַ טיפקייט אַרויס
אָדער פון אַ באַרג קומט דאָס קול,
ווען אַ מענטש ברומט פון זײַן פײַן:
ער איז אַליין אויפן הר תּבור
צי אויפן כּרמל־באַרג,
צי אין דער נידער פון סדום
ביז די נאַקעטע בערג פון יהודה
אָדער גאָר
דער דאַך פון דער וועלט —
פּאַמיר,
אויך פון ווײַטן סיביר,
ס׳הערט דאָס וועלטן־פענצטער
און לײַכט,
אָבער עס ווײַכט
פון געבן אַן ענטפער.

ס׳איז דאָ אַזאַ פענצטער

ס׳איז דאָ אַזאַ פענצטער וואָס הענגט אין הימל
אייביק,
דורך שויבן־ליכט זאַפּט עס איַין
שירה, געזאַנג,
טויבן־פּלאַטער וויַיסע פליגל
און ציט פונעם ניגון־געברום
די שטומקייט וואָס וויל שריַיען
אחד! —
איינער.

אָ, נעם צונויף די תּפילות,
פלעכט זיי איַין אין דיַין שפּיגל,
אין דיַין קרוינען־ליכט
גיב זיי די זכיה פון דיַין צעשיַינטן געזיכט: —
אחד!

איינציק און אַליין ביסטו, איינציק און אַליין.
און איך, וווהין זאָל איך גיין
זוכן דיך, שטערנדיק פענצטער?
מיַין האָפן נישט פאַרלוירן,
און אַרום ראָיען ליימיקע גאוהס —
נשמהס ביַי פרעמדע טויערן.
זאַמל איך. כ׳הייב אויף מיַין תפילה
פון שטויב און פון טויען,
און ווי זיי בין איך נידעריק,
ווי זיי — אין הכנעה,
אָ, שטערנדיק פענצטער,
נעם אַן מיַין תפילה.

ס'האָט אַ פענצטער זיך אויפגעמאַכט

אין די הימלען האָט אַ פענצטער זיך אויפגעמאַכט.
תפילה אָן ווערטער וויל ווערן געהערט.
רחמים אויף שטום־לשון מורמלט ווי אַ קינד
מיט יעדן באַשעפעניש אויף דער ערד.

אַ ווערמל קאָרטשעט זיך און קנעט,
אַ פישל קוים אָטעמט און זעט
ווי אַ פראָש און אַ מושל צו זיך גלאַנצן,
אַ וואַסער־בלימל אַ פלאַטערל אין פעלד
רעדן צו זיך און טאַנצן.

און עס בענקט צו דער וועלט דאָס בלויע,
אַ רויז און דאָס גרין־גרויע בלעטל,
אַ כריזאַנטעמע און דינער צוויט פון עפל
יאַסמין, אָלעאַנדער, בלוי־ווײַסער בעז,
קרויטן גרינע פאַרגאַרטלט און פאַרפרעסט —
אַלע, ווי די זונען־רויז צו די הימלען שטײַגן,
שוועבן אַרויף אין חלום און אין שווײַגן,
דאָס נידער־גראָז, די ציבעלע און דאָס קינדישע געוויין,
דאָס געבעט בײַם טײַכן־שפיגל אין רעגן־שײַן. —

אין די הימלען האָט אַ פענצטער זיך אויפגעמאַכט.

אַ צוהר

צוהר — אַ פענצטער צי אַ דימענט,
אַ בלויער דימענט פון חומש־ניגון.
און דער ווילדער מבול
רופט אַ קינד ס'זאָל זען ווי אין שפּיגל
ביז ווײַטסטע ווײַטן
ווי אַ ים און אַ תּיבֿה רײַטן
איבער גרויע טעג אין שטורעם.

וואָרעם, דאָס האַרץ פון דער וועלט גענענט
צו דעם פענצטער דעם הויכן,
און שניי ווײַסעווינטערס צעבליִען
און די פרילינגען טוען אויפטויכן.

פון דעמלט אָן זינג איך מיט דער טויב
אַ לויב אַ שבח צו אים אַליין,
און די תּיבֿה שווימט צו איר פּאָרט
אין אַ בלויען דימענטענעם שײַן.

שטייט אַ בוים

טיף פאַרטראַכט שטייט אַ בוים
פאַר אַ פענצטערס בלויער שויב,
זעט ער ווי הימל גיט זיך אַ פאַרבייג —
אויף אַ פאַרנאַכטיקן צווײַג זיצט אַ פויגל.

אַ מענטש מיט ביימער־אויגן־גרין
טראַכט : ווו אַהין קען אַ פויגל פליִען
אַ בוים — ווי לאַנג קען ער וואַרטן
ביז אַלע נעסטן אויסגעבויט ווערן,
אַלע הימלען אויסגעבלויט פול מיט
לאַכנדיקע שטערן.

האָט דער מענטש ווייניק וואָס צו קלערן
ווײַל, ווי לאַנג דער בוים לעבט איז דאָ רעגן
וואָס ברענגט אים פרייד און קומער,
און אַ זומער, און אַ האַרבסט,
פון אַלע עקן ציִען וואָלקנס צו אים אַליין,
און דער בוים ? —
ער איז די שלמות פון וועלט און פון זײַן.

טיף פאַרטראַכט שטייט דער בוים
פאַר אַ פענצטערס בלויער שויב.

די סטעזשקע

די סטעזשקע רעדט צו דעם שטיין:
פון דאָרטן קומט די פרוי צו גיין.
איר האַרץ איז אומזיכער,
אַלץ איז אוממעגלעך און אומדערקענט,
זי וואַרט אויף אַ סימן.
און דער וועג אין עפּעס זי דערמאָנט:
אין וועלטס פאַרהוילענע תהומות,
אין אירע קינדערס פאַרקוילטע חלומות,
עס שלענגלט זיך אַ רויך
ס'איז מוראדיק שטיל נאָר ס'געשרײַ איז געהערט,
פון טונקעלע בלעטער און צווײַגן
ווערן בלוט און יסורים גענערט,
שטילט אײַן די סטעזשקע אין שווײַגן,
ווי ס'וואָלט איר געוועזן פאַרווערט.

נאָר דער וואַלד אַליין פרעגט,
שטרעקט־אויס גרינע הענט פון טרייסט
און דאָס האַרץ וויינט פון דערמאָנען.

נעמט דער וואַלד זי אַרײַן אין זײַנע שאָטנס
פון דאַנען זאָל זי הערן שטייניקן אָטעם.
ער וואָלט אָפּגעגעבן טויזנט מאָל טויזנט יאָרן
און טרערן מער פון זײַן געדויער
פאַר פאַרהאַלטן אויף תמיד דעם זיכרון.

ליגט אַ שטיין

אײַנגעפּלאַנצט אין ערד,
פון וועלטן געגערט,
צו צווײַגן שטרעקט ער אויס פאַרלאַנגען.
רינג אין רינג כּוחות וויל ער וועקן —
אויף דעם מײַל־וועג ליגט אַ שטיין
און זינגט זײַן זײַן.

צווישן נאָדלען גרינע און בלעטער־בלי
פאַלט אַ שטענגל.
אָנצוקומען צו זון, צו ליכט
ציט זיך אַ זענגל.
בינען זייגן פון בלום די מילך
ווי פון פליישיקער ערדישער ברוסט,
און ער דער שטיין ליגט און וואַרט
אויף אייביקן ניגון.

פון די טיפן ציִען געוועבן ביזן בוים
און זיי לעבן
און ווערן בלעטער
און ווערן אים געשאָרד.
און זיי שטייגן דורך די שיכטן
און זיי טרינקען פון יעדן קוואַל.
און דער שטיין — ער קוקט צום בוים
און זעט אַ זיסן חלום,
ער הערט געפּלאַפּל און געשאַל
און מיינט:
ס׳איז צו אים געווענדט אַליין.
ליגט ער און זינגט,
זינגט זײַן זײַן.

אַ בוים איז וואָס ער איז

אַ בוים איז וואָס ער איז און מער.
האָסטו געזען ווי אַ בוים לאָזט אַ טרער? —
אַ צווײַג האָט אָפּגעדאַרט. —
און ווי צאַרט ער דיך באַגריסט,
אויף שטום־לשון ער בעט דיך;
מענטש,
אָט דאָס לאַנד אַרום דיר איז גן עדן,
די פליינען, די בערג און די הייכן
און דער בוים אין זײַן האַרץ טראָגט אַרום —
דײַן טרוים,
דײַן טרויער,
דײַן געווויסן.
ווען דו זאָלסט וויסן אויסצושווײַגן מיט אים
דאָס געשרײַ,
אויסצורעדן מיט אים וואָס ס'איז נישט דערערדט: —
דער ערדס זעט,
די טײַכנס געטראַנק —
דײַן פאַרהוילענעם געדאַנק.
זײַן געלעכטער, זײַנע עכאָס און זײַן קראַפט
געוואָרן וואָלטן זאַפט, קאָרע, הויט
און וואַלדן־רויש פון תפילה. —
וואָלסטו באַנומען און בלויז געטרויט
דאָס חלומדיקע, דאָס שטילע.

פרעג דעם ווינט,
פרעג אַ וואָלקן, אַ כמאַרע, וואָס וואָלטן זיי געזאָגט
צום געשרײַ וואָס אַ בוים טראָגט אויס אין אַ שעה,
אין אַ טאָג,
אַ שווײַגנדיק יאָר.

באַשייד איז פאַרשפונען אין זייַנע וויקל־רייפן,
בשׂמים־ריח, ליבשאַפטן כּולו טהור צו באַגרייַפן,
אַ פרייַנטשאַפטס־ווונטש צו פייגל,
צו גרינע טאָלן
צו פעלדער גרין צעוואָקסן.
ווייַל וויפל לעבן ער פאַרמאָגט, אַזויפיל רעדן איז זייַן שטומען.
און זייַן אויג האָט גליק פון שטראַלן
וואָס אין טרויער ער לעשט זיי אויס.
ווייַל אַ בוים איז וואָס ער איז און מער,
פאַר יעדן צער ער האָט אַ טרער.

ברון יחד

ווען עס זינגען באַזאַמען
פון ווײַטן געשיקטע שטראַליקע כוואַליעס
אַ געזאַנג אַזאַ ווי פּערל אויפגעצויגן,
טוען געקרוינטע פּאַרטאָגן איבער בערג זיך בייגן
און טײַכן און בערג אין נעפּל זיך שיפּן
און פיש זיך באָדן אין זילבער געזאַנג,
די לבנה באַלײַכט זיי קרישטאָליק געשליפן
זייער אייביקן גאַנג.

פון אילת השחר ביזן כנרת
אַ פענצטער צום הימל איז אָפן
פון גליל ביז צום ניגון וואָס לויפט
אַנטקעגן די גאָרטנס די גרינע,
אַלע געזאַנגען זיך שפינען.
קען דער מאַנדלבוים זינגען מיט ריחות פון אויפגיי
און קינדער און מאַמעס חלומען בלוי,
פעלד־בלומען קענען רוישן ווי וועלדער ווי ווילדע
און שטומען פאַרטראַכטע אונטער משׂא פון טוי.

די פענצטער האָפן נאָך ווײַטע שליחים
און עס קלאַפּט אינעם האַרץ אַלץ שטילער,
די גיכקייט פון ליכט קאָן גאָר נישט פאַרשלינגען
ווען אַלע באַזאַמען זינגען.

אַן אָפּן פענצטער

עפן אויף אַ פענצטער פּאַר
די בלאָ־גאָלדענע שווימער, קרישטאָליקע אין רוים,
זיי ציילן איצט אומצייליק זיך
אין זייער אייביקער שײַן;
ווי ווײַט מיר וועלן זײַן
ווי זאַמד אויפן ברעג פון ימען
און באַשטערנען די הימלען, צוזאַמען
מיטן אָפענעם פענצטער אונדזערן
צו מדברס סנהען דערגרייכן.
און סײַ דאָס זען אין פינצטערניש פון נאַכט,
סײַ די הימלען וואָס זענען אונדז וואַך
ווינטשן און אײַנרוימען:
אַז די פינגער וואָס קנעטן נויט
די זעלבע הענט בויען
הײַזער פּאַר חלומות
און אַן אָפּן פענצטער
צו רחבותן און רוימען.

אויף די סטעזשקעס פון פוילישן וואַלד

אויף די סטעזשקעס פון אַלטן פוילישן וואַלד,
וואָס האָבן מיט זייערע פיס אויסגעטרעטן,
דאָ האָט מען זיי געבעטן — מײַנע זיידעס.

אין געלאַף פאַר די שײַטערס בײַ די ברעגן פון מײַן,
פאַר די שאָטנס און פלאַמען בײַם זוים פון רײַן,
אָפּגעריסענע וואָגלער פון פאַרלוירענע שלאַכטן,
פון מזרחדיקע לענדער און פון לענדער — פאַרנאַכטן.

פון שוימיקע ברעגן בײַ ווײַטע אָקעאַנען ;
פון קרים און כאַזאַרנלאַנד אין מידן שפּאַנען,
אויף די סטעזשקעס פון אַלטן פוילישן וואַלד,
וואָס זיי האָבן מיט זייערע פיס אויסגעטרעטן,
האָט מען זיי געבעטן — מײַנע זיידעס.

און גענומען די דעמבעס פאַר אייביקע עדות
און דעם אַלטן פּירפּנימדיקן גאָט פון לאַנד פּוילן,
אַז קיינער וועט זיי דאָ נישט קוילען,
אַז זייער האָב איז דאָ זיכער,
זייער ווײַב און זייער קינד
און דאָ — אויף די פּלאַכן
ווי דער ווינט — אַזאַ פרײַער
אַ נישט געצוימטער אין צאַמען,
זיך צעשפּרייט איבער סטעפּעס, איבער שטרעקעס און לאַנען,
בויען שטעט, בויען שלעסער
און פירן דעם מסחר איבער ווײַטע ימען. — — —
און ער האָט זיך צעריסן, צעפּראַלט,
דער אַלטער, דער פּוילישער וואַלד.

די ווינטן, די רעגנס, די שנייען און פרעסט ;
די זומפּן, די סטאַוון, דאָס מאָכיקע גראָז ;
דאָס גאַנצע געווילד — די וואַלדישע בערן,
די הינט און די קעץ, און די הונגעריקע וועלף,
אין בראשיתדיקן געוואָי,
איןווילדן געשריַי,
מיט פּאָנעו און קרייצן און העק אויסגעשאַרפטע,
מיט קאָסעס פאַרראָסטע פון אָרעמען דאָרף —
דאָס גאַנצע געווילד האָט געטאָן זיך אַ וואָרף.

און ס'האָט אַ ציטער געטאָן, אַ צאַפּל מײַן שטעטל :
די הײַזקעס, די צעקראָכענע און צעקנייטשטע,
די געוועלבלעך — געקאָרטשעטע, פאַרליישטע,
די הייף, די פּריזבעס, די שינדלדיקע דעכער,
די שטעלעכלעך מיט גרינס,
די שוסטערס, די שנײַדערס, די סטאָלערס, די בלעכערס,
אין פאַרצווייפלט געשרײַ
צום שפּיץ פון די הימלען
און צום ווײַטן, ציִענדיקן לאַנגן שאָסיי : —
וויי ! — — — — — — — — — — —

רינט דאָס געשריי אַרײַן אין די טײַכן,
ווי אַ בלוטיקער ווינט, ווי אַ בליץ, ווי אַ צייכן,
די סאָסנעס כאַפּן־אויף אין מיטן די פעלדער,
די טאָפּאָלן גיבן־איבער דאָס געשריי די וועלדער,
די דעמבעס דערהערן דאָס קול פון מײַנע ברידער
און מיינען, אַז דאָס קומען זיי, מײַנע זיידעס,
צו נעמען זיי ווידער, ווי אַמאָל, פאַר עדות,
אַז מען וועט זיי דאָ נישט קוילען
אין די וועלדער פון גרויסן, פון אויפגעלעבטן פּוילן.

און איך און מײַנע ברידער, און דאָס ייִנגקייט אַרום,
אין דערהויבענעם קול קעגן וואַלדיש געברום,
אין אויפגעוואַכטן ווילן, גרייט זיך צו שעכטן
פאַר אַ טאָג — אַ פרײַען, פאַר אַ טאָג — אַ גערעכטן,
הייב אויף מײַן פויסט און שלאָג און איך שרײַ,
איך רוף און איך ווײַז, פיר־אָן און באַפרײַ,
צינד־אָן אָט דעם וואַלד, ווי אַ פאַקל — אַן עדות, —
עס שטייען אויף און עס גאַפן מײַנע טויטע זיידעס.

אין אַ ווײַטן טאָג געבוירן

ר'איז אַן אַלטער בוים, אין אַ ווײַטן טאָג געבוירן.
אַזויפיל וועלטן דורכגעשפּאַנט, טרוימען אײַנגעשפּונען.
וויפל שטעגן שלענגלענדיק אײַנגעזאַפּט אין וואַלד,
וויפל האַרבסטן נאָכגעלאָפן, באַגאָסן זיך מיט אומעט,
צווײַגן פון זיך אָפּגעריסן, פייגל — פאַרלאָזענע אויף תמיד.
נעסטן האָט ער אויסגעווייעט הפקרע צום ווינט,
הימלען האָט ער אָפּגעשיילט, טעג געמאַכט ר'האָט בלינד.
וויפל שטערן אים אין־סופיקע געגאַנגען זענען פאַרלוירן. —
ר'איז אַן אַלטער בוים, אין אַ ווײַטן טאָג געבוירן.

ר'איז אַן אַלטער בוים פון ווײַטער וועלט געקומען.
פון ליבע, שׂנאה, תאווה האָט זײַן לײַב געטרוימט.
טראָגט ער נאָך אַ לעצטע פרייד צו וואַרעמען די ברוסט :
די וועלט איז קליין. פון זײַן בלויזן זײַן איז דאָס אים באַוווּסט.
דאָס לעבן שיין איז, כאָטש לאַך און וויין אין הוילע רוימען.
טרעט ער אָפּ אָן פאַרדראָס : זאָל אַלץ דאָ ווײַטער דויערן...
ר'איז אַן אַלטער בוים, אין אַ ווײַטן טאָג געבוירן.

פון אַ ווײַטן לאַנד ער קומט, דער בוים, צום גרויסן כּלל וואָס דריקט.
די משׂא שווערט. ער קומט צום זוים. באַלד גייט אויס די שײַן.
ער צאַנקט מיט זון, זינקט אַראָפּ פאַרכּישופט און אַנטציקט.
דאָס ויסן ווערט דער מותּר אים, וואָס מערער ס'איז די פּײַן.
די האַק אין לײַב שנײַדט זיך אײַן, קיינער וועט נישט טרויערן —
אַן אַלטער בוים אין אַ ווײַטן טאָג געבוירן.

דער בוים

שטייט אַ בוים אין טאָל צום ים, הויך צעוואָקסן ווײַט צעצווײַגט,
פונעם גליל ביזן עמק, זײַנע וואָרצלען ציִען.
זאַפט פון דורות ער פאַרזאַמלט, שווייס פון לײַבער און פון לעבן, —
בלוט און פלייש געוואָרן ערד,ביינער — אומפאַרשטיינט זכּרון,
שטייט אַ בוים אין מיטן וועג און ס'גיין פאַרבײַ די יאָרן.

טראַכט אַ בוים,
אַרום דאָס לאַנד זיך אין פנים בײַט,
אויך די זון און די לבֿנהס ברענגען מיט נײַע צײַט,
לידער נײַע אין די נעכט, רויש און רעגן אין מיטן זומער.
ווער קען זאָגן, טראַכט אַ בוים, אַ שטומער,
טענהען־מיט די וואָרצלען, די פייגל אין זײַן קאָפּ.
הייבט ער אויף די אויגן העכער, ווי מען רײַסט זיך צו די שטערן,
וויל טיפער, טיף אַראָפּ, פון די אָפּגרונטן דערהערן.

שטייט אַ בוים לעבן באַרג, צווישן טאָל און ים,
פעסטע הענט, צווײַגן־פלעכט, תּפילה און נסיון,
בײַ דער שוועל פון נײַער וועלט, פון חלום און פון בויען.
קומט אַ ווינט צעהוידערן, צעשויבערן זײַן קרוין.
ציטערט טיף אין זײַן האַרץ ביז וואָרצלען די דערגרייכטע.
פײַכטע טויען טריפן קאַלט, מיט נעפּל זיי פאַרהילן.
גיסן רעגנס, פלייצן מבולס, ברעכן דורך דיביינער,
שטייט אַ בוים אין מיטן שטראָם, דער געדאַנק איז איינער.
צום טאָגן גייט נאָר אויף דאָס ליכט און צו דעם וואָס שאַפט,
געזאַנג און ריטם אַ בענקשאַפט איז, אַ באַפרײַטע קראַפט,
פון חלום וועקט זיך אויף דער טאָג, אַלע וועלן הערן —
דאָס ליד פון באַרג, ליד פון בוים, וואָס הייבט ערשט אָן צו ווערן.

מײַנע ביימער

איך קום מיט מײַנע ביימער פון אַן אַנדער וועלט.
די פּאָפּלאַר־ביימער פון אונדזער סאָד זענען: —
יידן־ביימער ברייט צעצווײַגט,
גרויע, גרינע און פאַרברווינט,
די גאַנצע גאַס — אַ ריזן־קאָפּ געקרוינט.
מאַנטשינסקיס סאָד — אַ ראָד פון חלומות און פון שאָטנס
איבער אונדזער הימל, איבער אונדזערע דעכער,
צעבלעטערט און צעצווײַגט.

איך גיי מיט זיי אַראָפּ העכער
אין די קעלערן פון צײַט: —
פאָראויס גייט ר׳ טעוול ערלעך,
אַ זײַדענער ייִד און רײַך,
נאָך אים — ר׳ פסח באָרנשטיין,
אויך אַ שיינער ייִד
נאָר קוים וואָס ער לעבט
(די זעלנער האָבן אים מערדערלעך צעשלאָגן),
נאָר דער שוואַרצער יצחק איז הויך און פעסט
מויערן קען ער איבערטראָגן.

גייען מיר דורך טײַכן, גייען מיר דורך תהומות,
און מיר ווילן זיך פאַרגלײַכן אין גלגול מחילות,
איז אָט זענען מיר בײַם סוף פון שטאָט,
בײַ די הויכע הימלדיקע טאָפּאָלן.

ס׳איז סוף זומערדיקע תפילות, סליחות פאַרטאָג.
איך זאָג צו מײַן שוועסטער פערל:
דאָס איז גאָטס לאַנד און נישט פון די גויים
זי טוט אַ קוק אויף מיר פון אירע טיפע דנאָען: —

דאָס זענען פעלדער טאַקע פון מײַדאַנעק —
ליים־גריבער פון סאַווין. אַלע װעגן װאָס פירן אַהין
ביזן הייליקן לאַנד. איז ווײַט צו גיין,
איז ווײַט אַהין צו גיין.

אָט ליג איך אין אַ סאָד — אַ קינד.
מײַן מאַמע האָט בײַ דער פריצעטע געפּועלט,
דער הימל איז בלוי געוועלבט און אויסגעהוילט.
צוויי שוואַלבן צוויטשערן און ווערן שטיל,
אַ בין זשומט, און אַ ווײַטער זשום פון אַ מיל.

ס'איז אַ חלום אין אַ חלום:
אַ שטראַליק שמעקנדיקע לופט.
עמעץ רופט: —
צוויי ביימער שטייען איבער מיר
סודותדיק פאַרקלערט
און מ'הערט זיי זאָגן: —
מען וועט שלאָגן!
און וואָס טוט מען מיטן קינד?
אפשר צעבלאָזן מיר אַ ווינט,
און אפשר די מלחמה מיר פאַרטרײַבן?
מיט פייערדיקער שריפט די אותיות זיי צעשטעלן —
מײַן מאַמע הייבט אָן ציטערן און קוועלן.

מײַן קינד,
צו די ביימער זיך ווענד!
זיי זענען אומעטום
וואָרצל, שורש און אַלץ וואָס פאַרבינדט
זיי קענען שוועבן זיי קענען לעבן צו אַלע וועלטן פירן
אָט איז אַן אויסגעשפּרייטע דעקע פון די קעלטן,
אַ שניי און אַ שבת־שירהדיקע גאַס מיט זמירות

און שוואַרצע קאַניעס ליאַרמען
די קלאָרקייט זיי פאַרפלעקן.
קען ווער יענע וועלט דערוועקן
זי זאָל דערבאַרעמען זיך
קאַשע פאַר פייגעלעך צו שטעלן?
אַליין דער שניי וויל אַוועק גיין,
אַז דינה, גיטשע, איטע, סימע —
אַלע קינדער פון דער גאַס
זענען אומגעקומען.

שטייעןביימער מיט פליגל אויסגעלענקטע און צעבראָכן.
אַן אימה טוט זיי וויגן
אַ לעצטע תפילה, אַ טרויער און אַ שלאָכן.

נעם איך אָן זיי מיט שטילקייט פאַר די הענט
און מיר שוועבן אַריבער
איבער הײַזער וואָס ליגן נידעריק און פאַרברענט.
ר׳ איטשעלעס, ר׳ אָשרס, דעם געלן שמואלס
און דעם פעטער יאַנטשעס איינשטאָקיק געבײַ —
מיר אַנטלויפן און עס יאָגט אונדז נאָך אַן אימה־געשריי.

נאָך גוט וואָס די ביימער האָבן מיך אָפּגעזוכט
גייען מיר באַזאַמען איצט אַרויף אויף די בערג.
מיר נידערן אין טאָלן
ווי זיי טאָפּלען זיך און צאָלן אָפּ מיט נײַער לופט
דעם ייִד פונעם לאַנד, דעם באַלעבאָס
וואָס שטעלט זיי אויס אין שיינע רייען,
שנײַדט פאַר זיי ווי ברייטע פאַסן ליכט
און זיי — די ביימער — פלאַנצן שוין גראָז
און אַלע מיני בלומען ווערן אויפגעריכט.
די ערד עפנט אירע מכילות

שיכט נאָך שיכט
עס קומען נײַע וואָרצלען ביימערן זיך,
תחית המתים גערופענע פון אַלע עקן וועלט.

זיי ברענגען אָן נײַע זוימען
פרוכט — גויאַווע, בלאַט — אַגאַווע,
אַבוקאַדע — טעם פון מן, בשׂמים־ריח פון אַנאַנאַס,

אויך די ביימער מײַנע פון נאַדזשעטשנע־גאַס
גאַפן אַריבער, וווּנדערן זיך און מאַכן שהחיינו —
ווײַל דער חלום פונעם סאָד ווערט מקוים
נײַע ביימער, נײַע דורות בליִען.

אַ פּלאַנץ

יעקבן מײַן ברודער

מײַן יעקב האָט אַ פּלאַנצל פֿאַרפּלאַנצט
צווישן שטיין און האַרטער ערד.
יעקב פֿילט, אַז דאָס האַרץ זײַנס טאַנצט
צו דער פּלאַנץ וואָס אַביימל ווערט.

טראַכט ער:
חוני המעגל האָט אַוודאי
זײַן ספק־קערנדל אויך אַזוי פֿאַרזייט
און אַלע שאלות פֿון זײַן צײַט
שלאָפֿנדיק באַשיידט.

אַ קימא־לן, אַז אַ בוים געדייעט
פֿון טוי און וואַסער און פֿון שווייס. —
האָסט אַ קערנדל פֿאַרזייט
און אַ בוים דערפֿון זיך רײַסט.

גלייבט ער, יעקב, אַז אַ מענטש איז אַלצדינג ווערט,
דאָס פֿעלד, דאָס הויז, די שוועל, דעם שלום.
אויסגעברייטערט זײַן קרײַז דאָ ווערט,
וואַקסט אַריבער יעדן חלום.

פלאַנץ דיר אַ בוים

אָ, טייערער,
ער זאָל אויפגיין און וואַקסן אַריבער די צוימען
און היטן ווי אַ שומר דעם אויסקוק פון טרוימען
אין מרחב אין ווײַטן ווו די זון גייט אויף.

פלאַנץ דיר אַ בוים
און באַוואַסער אים מיט טרערן אַפילו
זײַן תוך אין רייפן פאַרוויקלט —
זאָל אויפגיין אין אַ תפילה פון צווײַגן
דערהייכט און באַפרוכפערט
מיט זאַפט און מיט ריח.

זײַ ביי זײַנע קרוינען־וועבן —
טעג פון צעבלי און דערגרייך
ווען אין דיר אַליין בלעטער פאַרוויאַנען,
ווי אַ מענטש פון דאַנען
צו די הימלען צו די שטערן איז געווענדט
זײַ מיט אים ביזן ענד.

פלאַנץ אַ בוים
און באַלד מיט זײַן אָנהייב מיט אים זע:
פון ערד וואַקסט אַלץ און אומגעקערט —
דאָס נייגנדיקע אַראָפּ אויך געדויערט,
נאָר דאָס לעבן גייט ווײַטער
דורך טיר און טויער.

לאָז אים דעם דורשטיקן וועג

מעג די ערד געבן איר שפּײַז
פֿאַר די דרײַ װעלף װאָס פֿרעסן איר דאָס האַרץ
נאָר אײנער װאָס עסט זיך אַלײן
און פֿאַרטרינקט נאָך מיט ביטער געװײן,
פֿאַר אים דאַרף די ערד פֿאַרמײַדן איר גאָב,
טאָפּלען די פּײַן אים און לײַדן
נאָר זאַלץ פֿאַר די װוּנדן זי מעג
שיטן אויף זײַן באָרװעסן װעג.

לאָז אים דעם דורשטיקן װעג
און די אַנדערע ערדישע פֿרײד,
פֿאַר די בערן פֿאַרגרײט, װאָס טאַנצן אין װאַלד
אַרום דעם דעמב מיט האָניק,
אַרום דעם זיסן געטראַנק.

און פֿאַר דעם אײנעם װאָס צאַנקט
װײַל זײַן האַרץ איז קראַנק —
ער װיל נישט מער האָפֿן, נישט גאַרן,
נאָר דעם אָפּגרונט ער זוכט פֿון די צערן,
דעם װײטיק — ער קלויבט אָן אַ פֿאַרמעג.
לאָז אים, דעם דורשטיקן װעג.

אַ ווײַטע וועלט אין פּאַרגיי

איך בין דער היטער פֿון אַן אַנדערער שײַן,
אין היימען פֿאַרברענטע די זון אין פֿאַרגיין,
אַ פֿויגל אין פֿאַרבן פֿאַלט אינעם פֿלי,
די וואָלקנס אים לאַכן ס׳געלעכטער פֿון שאָטנס,
אין נעצן, געוועבטע, שרעק און חרטה —
אַ ווײַטע וועלט אין פּאַרוויי.

אַ שפּור אין אַ וואַלד אַ מענטש האָט פֿאַרלוירן.
אַ קינד האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין לאַבירינט פֿון טויערן.
ווו וועט ער טאָגן און נעכטיקן ווו,
ווו אײַן און ווו אויס מיט חיה אין וואַלד,
דער פּחד איז גובר ווען ער באַפֿאַלט
אין אַ ווײַטער וועלט פֿון פּאַרוויי.

איך בין דער היטער אויף וועגן פֿאַרלאָזטע,
זיי קרייצן מיך איבער, פֿאַרלוירן איך גיי,
אויף שייד־וועג צעאַקערט פֿון קריעה און בלי
ווועמען זאָל איך העלפֿן, וועמען אין וויי ?
אויף צאָרניקע וועגן, אויף שטייניקן שניי,
אין ווײַטער וועלט פֿון פּאַרוויי.

די וועלט צעפֿאַלט זיך בײַ צעריסענער שוועל.
אין פֿאַרלאָשענעם שײַן פֿון פּרעס און פֿון קוועל,
בײַ תּפֿילות פֿאַרשאָלטענע איבער מערק איך הויער,
איך, דאָס געשטאַלט פֿון פֿאַרזונקענעם טרויער,
איבער זאַלציקע וועגן היטער פֿון טויער —
אין אַ ווײַטער וועלט פֿון פּאַרוויי.

אין דער מיט

אין דער מיט — אַ באַרג,
הײַזער אײַנגעוואָרפענע,
אַ דאָרף,
אַ קינד בלאָנדזשעט פאַרווירט
און פאַרווירטע ווײנען הינט,
לויפן זוכן באַהאַלט.
ביז אַ שטיין, וואָס אין טאָל אַרײַן פאַלט,
און דער אויסגאַנג איז בלינד פאַרמויערט.
און דאָס קינד איז אַליין.

אַ גרעזל אַ פיצלס וויל לאַכן צו דער זון.
אַ ביימל אַ טראָציקס בליט.
אַ צווײַגל וויאַנעט און צאַנקט.
צעטרעטענע בלעטער גרויען דעם געדאַנק,
אַז דער הימל פון רויכעס איז קראַנק,
פון טומל פון טאַמל און פון אימה.
ס'האָט אַ פויגל פאַרלאָשן מיט אַ טרעל דאָס וויינען,
און דאָס ועלדל מיט זײַן ניגון פאַרשטומט.
אויך אַ פראָש אינעם סטאַוול פאַרשווײַגט
ווו זשע ועט נאַכטן דאָס קינד,
דער הונט
און דאָס דאָרף?

די וואַנט קוקט אַריבער

די וואַנט קוקט אַריבער מיט אויגן פון אַ בילד,
דורך ברעמען ווי נעפּלען פּאַרהאָנגען.
איבער ים־בלויען וואַסער איבער טונקעלן עמאַיל
די נאַכט און די וואָלקנס זיך טיילן.

דער מענטש איז געווען דאָ און אין מדבר אַוועק.
ווער ס'איז מיט נאַכט דאָ אין גרוב אויפגעדעקט.
וואָס האָט ער געלאָזן און ווער איז אַנטרינען
אין דיונעס פון פּחד אין אויסמיש פון שטורעם?

די אַשיקע שאָטנס, דאָס רויטלעכע ליכט,
דאָס ווייעט איבער בלעכן, איבער אימה־געזיכט.
ווי אַ ריטם דאָ האַמערט אין רויכיקן געל,
פול מיט געשריי פון עמעצנס קעל.

גייט אַ ליד

גייט אַ ליד אויף פון דער ערד,
גראָבט, בויערט זיך און קלערט:
אַ קלאַנג.
פענצטער יענע זײַט רוים,
הימלען פון דער וועלט פול געזאַנג.
עפעס שוועבט עפעס פליט,
אַ פליג זשומט איר זאָג צו אַ מילב און עס העלט,
אַ שטראַל וויגט און וויגט זיך אַרײַן
אין פעלדזיקן געצעלט.

צום בלויען געוועלב
טאַנצן קלאַנגען אַנטבלויזטע.
פייגל סווישטשען ליכטיקע,
התלהבותדיק זיי גריסן
נאָר מײַן פריינט דער גערטנער,
דאָס שטײַגל גייט פאַרשליסן.

געוויסן
איז אַ וואָרט פון גלויבן
די דערבאַרעמונג זי זאַמלט,
אַלוועלט שטאַמלט אין וועוריקלס שפרונג.
דאָס גרינע איז יונג און וויליק
אויפצונעמען דאָס ברוינע פערדל אַ פאַרקלערטס,
דאָס האָפן־פעלד מיט בינען ראָיעט
און אַ פלאַטערל־צווילינג הערט
ווי דאָס פענצטער צו די הימלען
אויפגעעפנט ווערט.

*

שטיל און שטילער
זאַפּט אײַן דער ווייטיק און פאַרזינקט
אַ לעצטער שטערן אין דער ווײַטן ווינקט:
קדוש! קדוש! הייליק איז דער ניגון.

אַ פויגל שרײַט דרײַ מאָל פון דער הייך.
איבער הויכע גראָזן אין פרישן שאַרפן ריח,
איבער ברוינע האָזן פון אַ שטייניקן באַהאַלט,
אינעם אויג איז אַ טויען־פאַרגעניגן.

וואַלד ציטערט אויף אינעם ניגון געסוויטשער
און ווי אַ שאָרכן פאַרשווינדן טונקעלע דעקעס
ליכט הייבט זיך אָן אין פולע וווּנדער־פאַרבן
צו ציִען די זון אַרויף בערג
אומצאָליקע פעדעם שטראַלן דינע,
טאָג גייט ווערן אַן אויפגעפראַלטער טויער,
אַלע וועלן הערן גליִענדיק און קלאָר.

קאָן זײַן

קאָן זײַן
אַז אַ שטיין זאָל ווערן דערלייזט,
אַז פעלדזן, באַפרײַטע ווי פייגל,
און בלויע כוואַליעס אויף פליגל פון ווינט
זאָלן קומען אין חלום זיך נייגן.

שניי־ווײַסער ווינטער זאָל שיכּור ווי לוט,
זיך רויטלען ווי זומערס פון זאַפּטיקע ווײַנען,
און פרילינגס ווינט זאָל פּותר זײַן דעם סוד
יוסקס חלומות און מיינען.

און איינער, מיט פולע קוישן
ברויט, זעמל פאַרן פּשוטן מענטש,
זאָל זיך באַרוישן
פון דער שפע וואָס לאַנד איז געבענטשט.

און ווינט זאָל פלאַטערן אין רויזן־צעבלי
און פעלדער צײַטיקע זאָל קיינער נישט צעטרעטן
אַז חסד אויף בייטן וואַקסט; געבענטשט איז די מי,
דאַרף קיינער דאָס געווויסן נישט רעטן.

קען שוועב אין שוועב זײַן — איבערן דאַך פון דער וועלט,
סיני, כּרמל אין די וואָלקנס אויפהייבן,
עס האָבן געטער אין בערג אַ בלוי געצעלט,
נאָר חלום איז בלויער אין דער וואָר פון גלייבן.

און דער מענטש

און דער מענטש וועט שויבן און גלאָזן די פענצטער
פון עמעצנס ליוב און פאַרשווועד,
ווען מולך, דער אַכזר,
אין אַ נאַקעט אויסגעלאַסענער וועלט
פון שטיקער, פון שטיקלעך,
ברוך קרישטאָלן
מיט פינגער צעבלוטיקטע
אויסמאָלן, פאַרשרײַבן
אויף פאַלנדיקע ווענט,
אויף גרוז אויף ציגל,
דעם ריגל, די פענצטער אויסגעריסענע
פון פאָגראָם.

דער אויסגעגראָבענער תהום,
די קאַזאַמאַטן, די קראַטן,
די פּײַן פון קינדער און טאַטעס. —
גייט אויף זייער געשרײַ פון די טיפן:
גיט אונדז אָפּ ליכט,
אונדז זאָל עס געהערן,
ס׳איז אַ טרויער־וועלט
מוזן מיר פרייד פאַרמערן,
און אַז אַ פענצטער צו דער זון איז אָפן,
מעג מען גלייבן און האָפן.

שוין דורות

שוין דורות אַז ער שפּילט —
נאָר קיינער קומט נישט הערן.
ווייַל ס'האָט עמעץ ווו פאַרהילט
דאָס געזאַנג מיט טרערן.

אין מיטן לאַנד הענגט אַ פידל
אַ בלויע פידל אין שטיין געשניטן.
פליסט אַ טייַך, זיך שלענגלט פרייַ
אויף וועלן־סטרונעס שפּילט אויפסנייַ.

און די קלאַנגען אין גלעדס בערג
טראָגן ברכה פאַר די ווערק,
פאַר די דערפער, פאַר די הייף. —
אַ לויב צו דעם וואָס באַגרייַפט...

אַליין דער טייַך פאַרבאָרגן וויגט
אַ ווינטל וואָס געניגט
באַרירן סטרונעס מיט שעפערס האַנט
אויף בלויען פידל פונעם לאַנד.

הארבסטיקע
הימלען

אין האַרבסט

צו וועמען די בענקשאַפט פון ביימער, פון וועלדער,
דער אומרו פון טײַכן אין ווינטיקן לויף?
ווהין די גאַסן, די אײַנגעשלאָפענע פעלדער,
און דערווינט, וואָס הייבט זייער שטומקייט אַרויף?

דאָס פאַרגיין פון סעדער? דעם ווײַנגאָרטנס לאַכן?
צי דער גייער וואָס אַליין איז אין הפקר פון ווינט?
צי דאָס טויער פון רחמים, וואָס וועט זיך פאַרמאַכן
אין בין השמשות פון פאַרבן, אין אויסברען פון זינד?

פרעג דעם טאָג דעם פאַרווירטן, פרעג.
מיט כמאַרעס באַלאָדן ער פלאָנטערט אין ווינט,
אַוועק איז דער זומער, געלאָזט זיך אין וועג.
און וואָס עס וועט קומען איז פאַרהוילן און בלינד.

אין ווענד פון טאָג

די זון נייגט, עס גייט־אויס דער טאָג, —
זײַ מתפלל.
האַרץ איז שטום, דאָס שווײַגן פּלאָגט —
זײַ מתפלל.
אין פאַרנאַכט פון וועג, פון מענטש
זײַ מתפלל.
טונקל־וואָלקנס פול פאַרדאַכט —
זײַ מתפלל.

זײַ מתפלל. — ס'איז ליכט פאַרגיי
איבער בערג און מידער ערד
די זון אין פלאַמען, ס'איז ווײ־געשרײַ —
פאַרדאַרבונג קומט און שווערד.
פון גלי צעגאָסענעם פייער־טײַך
הייבט די שווערד זיך ביז די שטערן,
זײַ מתפלל —
ווער וועט דײַן תפילה הײַנט הערן ? !

אין האַרבסטיקן טאָג

אַ זינג־טאָן פון בענקשאַפט אַ האַרציקן ניגון,
אינעם אויג זאָל פינקלען מיט רחמים אָן צאָל, —
צו די פייגל, וואָס שירה׳ן צום וואַלד וואָס אין וויגן,
צום ווינטיקן שליאַך און האַרבסטיקן טאָל.

גאָלדענער אָסיען איז דאָך טריבער און שענער
מיט קרויניקן בוים און צייַטיקער פרוכט.
כאָטש בלעטער פאַלן־אָפּ און טעג ווערן קלענער,
און אין צווייַגן פלאָנטערט זיך אַ נייַער גערוך.

אַ רעגן פון זילבער, און גאָלד־ריטשקעס רינען,
און די זון איז געקומען באַדעקן זייער לויף.
אָט יאָגט־אָן אַ וואָלקן, אַ קילער באַגינען,
אַ בלויער פאַרנאַכט ציט צו הימלען אַרויף.

און ווי אַ בריק איז דער טרויער אויסגענייגט,
אויפן גרונט פון מאָסן און וואָגן, —
און ווי אַ בויגן דער טרויער זיך פאַרבייגט,
פאַרן שאָטן פון אַ טאָג וואָס גייט טאָגן.

בײַם ברעג

אין שוים און גרינס פֿאַרוויקלט, אין בײַסיקן ריח, —
אַלע בייזע שיפֿן האָבן אים אויסגעווײַכט.
אויף שטורעמדיקע כוואַליעס ער רײַט אין דער הייך.

שיפֿן יאָגן אים, אײַלן איבער ימען;
איבער זיי ציִען־אָן בלוי און גרינע כמאַרעס.
עס שײַנט אַרויס די זון פֿון צווישן אַלע שפּאַרעס.

עס זילבערט אויס דער ים אַ שוימיק בלויען גלאַנץ;
כוואַליעס צעהוידען זיך אין אַ ווינטעדיקן טאַנץ;
ברעג ציט זיך אײַן און אויס — אַ גיפֿטיקער שלאַנג.

שיפֿן יאָגן אום, שנײַדן דורך ימען.
אַ מענטש, אַ דערשלאָגענער, בענקט נאָך אַ מאַמען. —
שלעפּן אים די כוואַליעס און ברענגען זיי צוזאַמען...

אַ שטראַל פֿאַלט אַראָפּ אויפֿן ברעג און אויפֿן לאַנד,
אַ ווינטל און אַ שאָטן אָן פֿרילינג אים דערמאָנט, —
ר'איז אויסגעטאָן, אָן קליידער, אָפּגעדעקט די שאַנד.

ליגט ער אַזוי אויפֿגעריסן, צעפּרעסן לענק און קני,
מיט אויפֿגעפּראַלטע אויגן, מיט אויסגעפּוילטע וויִעס,
די גאַנצע וועלט ער זעט — אַ פֿינצטערע נביאות! —

אַרום און אַרום איז נאַכט, אָנגעפּראָפּט מיט מורא;
כוואַליעס טראָגן אַ סך צו ווײַטע ימים־טויערן,
און גרויע קרייצער־שיפֿן אויף אַלע ימים לויערן...

די זון זעצט זיך רויט, ער שליסט צום סוף די אויגן.
זאָגט ער אָפּ אַ שפּרוך און פֿאַלט צוריק אײַן אין זיך:
דערטרונקען וועט דער ווערן, ווער ס'האָט דערטרונקען דיך!...

דו

צו ה. לייוויק

פון תהומען ביז הייכן
העלט־אויף דײַן געזיכט,
מיט אונדז ווילסטו גרייכן
דעם אמת, דאָס ליכט.

אין שעה פון געפאַר,
אויף וועגן, אויף קרומע,
גייסט אָפּ אין צער
און אַרום דיר — שטומע.

עס פלאַקערט די שלאַכט;
די פינצטערניש בליט,
אַ דור גייט אין נאַכט —
מיט נאַכט אין געמיט.

און דער גאַנג — אַזאַ שווערער,
אונדזער וואָך — אָן טרייסט,
צווייפלען וואָס מערער;
אויסגעלייזט? — דערלייזט? —

אין אַ דור, וואָס אין נאַכט
און בילנדקייט אויף וועגן,
מיט פאַרשלאָסענעם טראַכט, —
וואַגן? — דערוועגן?

זינגסטו אונדז דאָס ליד
פון הענט און פון פיס,
און מיר זענען מיד,
ווי העלואיז.

דו זינגסט אונדז דאָס ליד
פון פּיַינען, פון צער, —
פאַר מענטש, פאַר ייִד,
פאַר לייַדנדן אַבעלאַר.

פון תהומען ביז הייכן
ביסט מענטשלעך געזיכט,
מיט אונדז ווּעסטו גרייכן
דעם אמת, דאָס ליכט.

צום פּאָעט

— א. שלאָנסקין

אַלע דײַנע נעפּלען גראָע
ווערן אויסגעוועפּט אין לויטערסטער קלאָרקייט.
מיט בראשיתדיקע טויען זיי באַשײַנען די וואָרקייט
און פינקלען קרישטאָליק.

דאָס ייִנגסטע ליכט
דער אויסבלענד פּונעם אור הגנוז
וואָס דו יאָגסט אָן מעשׂה מרכּבה,
גייט אויף און פאַרגייט טויזנט טויזנט יאָר
פון זינט דעם אָנהייב טאָגן.

וועקן פון אַש זיך אויף די פלאַמען
און טראָגן מיט דיר די וואַזעס מיט אייל,
זאַלבן פאַר קריגער, די וווּנדן צו קילן,
און די טײַכן זאָלן זיך קושן מיט ימען.

און אויב בראָנדז געגאָסענער איז אויך בײַסיקער טרויער,
איז קראַפּט און אָטעם וואָס רינגלט די פאַרדראָסן,
ווערט דורך פרייד און יסורים דער הימל אַלץ בלויער
פון דײַן שירה — אין וווּנדער־פאָרמען אויסגעגאָסן.

אין דערמאָנונג

— יעקב שטאלן (שמחה אייזן)

שׂמחה־קרוין, אַלע שויבן, אַלע פייגל אויפן בוים
בלענדן, פלאַטערן און לויבן דיך — דײַן טרוים.
אַ יאַשטשערקע מיט זונען־שטראַלן שפילט זיך אין ליכט,
אַ הערשעלע, אין פרישע קוואַלן, שפיגלט דײַן געזיכט.
דײַן פּנים איז פאַרקלערט אין כּל־ערליי געשטאַלטן,
שׂמחה־קרוין, קום אַרויס דאָס לעבן אונדז דערהאַלטן !...

וועמען רופט איר ? — ענטפערט ער, פאַרגייענדיק אין שמייכלען —
פליט נאַראָנים, פליט אַוועק אין די ליכטיקערע הייכלען.
די וועלט איז דאָ אַ שײַן אַזאַ, שאָטן הוילער ביזן ביין,
אָט־נאָר־וואָס איז דאָס טרויעריקע אין דער אייביקייט אַרײַן —
נאָר עס טרעט נישט אָפּ דאָס פלאַטערן אויף בלענדנדיקע שויבן,
אַרום דעם בערגל קרײַזן דאָ וואָרקנדיקע טויבן.

אָ, טויבן ווײַסע, תּפילה־זאָגערס, נעמט אַוועק די טרויערן !
פאַרוואָר, איר קענט מבשׂר זײַן אויגנבליק פון נײַגעבוירן.
אַז פעלדער פול מיט זאַנגען בליִען אין לאַנד כּנען
און ווו איילבערט־בוים, טאַמאַריסק איז שׂ מ ח ה אויך פאַראַן ;
און ווי אַלע וואָרצלען טרינקט ער טוי און מיסטיקט אויך די ערד —
אָ, טויבן־לידער, זײַט עדות איצט, אַז אַלץ מקויים ווערט.

עמק אילון

שמש בגבעון דום וירח בעמק אילון

וואַך צום פאַרגיין אָפּגרונטיקער טרויער
אין טיפן באַדויער דעם חורבן און בראַנד.
דריטע אשמורה — מיר עפענען דאָס טויער
פאַר מחנות, וואָס קומען צום מאָרגן פון לאַנד.

די שׂנאה אַ בלינדע נאָך ברענט אין די טריט,
ישׂראל אַדורך איז דעם וועג פון די מוראס :
בלענדן די אויפגעגנג פאָספאָר, מאַלאַכיט,
ווי דאָס ליכט, זײַנען ליכט פון פרײַהייט און תורות.

יהושע שטייגט־אויף, זײַן האַנט איז הויך,
אַ זון טראָגט ער אָן אויף פאַרהויבענער שווערד.
די מויערן פון נגב אין בלוט און אין רויך
אים גייען אַנטקעגן : — באַפרײַער פון ערד !

איבער קרויניקן שפּיגל פון ימען און טײַכן
קומען אָן ווינטן מיט פאַרהענג פון קעלט,
נאָר רײַסט זיך דאָס האַרץ צום לאַנד פון די הייכן
דורך זאַמד, דורך מדבר, דורך שטייניקער וועלט.

און ס׳הענגען די הימלען און וואַרטן אַלץ דאָ
אין לאַנד פון די אָבות מיט לאַנגאָניקער שלאַכט —
עס טאָגט, ס׳האָט געשלאָגן די הייליקע שעה :
גייט־אויס, פאַרלעשט זיך די פינצטערע נאַכט.

די זון וואַקסט גרויס אין עמק אילון,
איבער גיבעון זי בלײַבט הענגען פאַרזוימט.
ביז שלאַכט וועגט זיך אויס אויף דער וואָג פון די טאָלן,
וועלן בערג זיך דערוואַכן פון נביאישן טרוים.

עס דרימלען נישט די פעלדער

עס דרימלען נישט די פעלדער מער —
ביימער זענען וואַך.
אַ ישוב בייגט זיך איַין און הערט
פחד פון דער נאַכט.

זיי גייען
ווי אומגעדאַכט פון לעבן,
פון טרעבלינקעס שאָטן־וואָר אַרויס,
אויסגעטראַכטע בריקן שפּירן אויס —
רוצחים בלינקען צום תהום.

עס גייען מערדערס אָפּגעלאָזטע פון דער קייט,
פון אַ פינצטערן וואַלדן־לויער
פון אויסער רוים און אויסער צײַט
אין שטענדיק־נאַכט

און דער ים ברעג איז וואַך
ס'לאַנד פון אַשקלון ביז ראש הנקרה
אויפגעוואַכט און געשפּאַנט,

און ביקסן אָנגעצילט
און באַלד וואָרהאַפּטיקט זיך דאָס פּוריע־ליד
פון מלחמה איבער קינדערישע קעפּ
איינער שלעפּט אַ טויט־מאַשין
מיט אַ מיידלס נאָמען קאַטיאַ...
אַזאַ לוסטיק וואָרט מיט זינגענדיקע פיס
נאָר
ס'איז מאָרד
וואָס אַלץ פאַרוויסט.

דרימלען נישט די פעלדער מער —
ביימער זענען וואַך,
אַ ישוב בייגט זיך איַין און הערט
פחד פון דער נאַכט.

צום טורעם

פון דער טיף ברויזט דער יאוש
וויל ער זיי באַזיגן,
זיי גייען אויף אין בלויען דורשט
אין גלויבנדיקן ניגון.

פול דאָס מויל בלוט פאַרשטאַרט
געשריַי וועט זיי פאַרסמען
ביזן תהום דאָס וואָרט צער׳ט —
גרונטעוועו די ימען.

אין בזיון־פלאַם דער גייסט,
קען ער זיי פאַרדאַרבן,
זיי זאָגן אויס אַ לעצטע טרייסט
יונגע וועלט זאָל אַרבן.

אין ווײַסע האָר איז ווילד דאָס האָפן
יינגע אויגן גייען אויס,
איז דאָס מײַלן אומגעלאָפן
ביז זיך זיי אַנטבלויזט ?

אין געלן שײַן עינויִים־פיבער
ווײַנט אַליין דאָס לײַב.
דאָס הימל־הויכע נעמט זיי איבער
און די פּײַן פאַרבלײַבט.

גייען איבער וויסטע קראַטערס
אומגליק טוט דאָרט שפּרײַזן,
האָט דײַן צורה אויפגעפלאַטערט —
דאָס זענען באַווײַזן.

איבער בערגער, טאָלן, לעבן,
זע ווי עונג זיך צעהעלט,
פליסט דער אָטעם זייער שטרעבן
ווי אייביק איז די וועלט.

צום אורטייל

איינער דער אורטייל פאַרן פעלקער־פאַרניכטער,
מעג משפט, ווי חלום, אינצווישן אויסרינען.
אויף אייביק געחתמעט מיט אימה געדיכטער —
ווי קאָן עס אַראָפּ פון אונדזער זינען?

דאָס געשעכט פון זײַנע הענט שרײַט און וועט שרײַען
אַ שרײַונג וואָס ציטערט דורך צײַט און דורך רוים;
ווי אַזוי זאָל זכּרון אַליין זיך באַפרײַען
און אַראָפּ אין פאַרגעסן, און אַראָפּ אינעם תהום?

וועל איך גיין צו די געסלעך און פאַרוואָרפענע שטעט,
צום געביין אין די גריבער, צום בלוט אינעם טײַך,
וועל זיי רופן, די עדות — ס'איז קיינמאָל נישט שפּעט: —
דעם אורטייל דערגרייכט!

אויסער די שטראָפן

דאָרט וווּ די הימלען ליגן שוואַרץ בײַ דער ערד ;
אַן אָדלער, אַ פּאַרוויסטער, דעקט איבער זײַן קינד —
(די מאַמע האָט געשריגן, ד׳האָסט נישט געהערט)
ווי נאָר אַ זאַווייע, אַ פֿינצטערער ווינט.

דאָרט וווּ פרימאָרגן גייט־אויף איבער מאָרד,
איבער לעבן צאָרט, ייִנג פאַרשניטן —
(די שוועסטער האָט גערופן דיך מיט לעצטן וואָרט),
ווי נאָר די שחיטה האָט דיך שיר אויסגעמיטן.

וווּ נאָר לית־דין און לית־דיין באַפעלט ;
דאָרט וווּ הענקער איז מלך אַפילו, —
(דער טאַטע האָט געוועקט דיך, פון גיהנומס פאַרשטעלט),
און טויט איז אַ בענקשאַפט, אַ גלוסטיקע תפילה.

וווּ זיי האָבן גערופן, האָבן דיך פאַרלאַנגט,
האָבן זיי דאָרט דײַן האַרץ נישט געטראָפן.
דאָס בלוט האָט געגאָסן פאַר דיר און דײַן גאַנג ;
דײַן גאַנג אינעם בלוט, פון אויסער די שטראָפן.
נאָר סײַ ווי, סײַ ווי, וועט מײַן נאַכט שוין נישט שלאָפן.

גערעכטיקייט

זיצט אַזוי גערעכטיקייט אויף איר שטול פון שוויַיגן,
שוויַיגט דער וואַלד, דער ים, גאָר די גאַנצע וועלט.
שוויַיגן אַלטע ריכטער־קעפּ — פון קאַלטן איבערלייגן,
אַליין נאָר, — ווילדע אומרעכט, שוויַיגט נישט — זי שעלט.

זיצט אַזוי גערעכטיקייט, פאַרן בוך פון פּיַינען;
מישן אויף זיך „שחיטות־פּריַיע און כּל המיני כּשפים״ —
שריַיען אַלע זיַיטן אויס, דאָס געוויין פון געוויינען: —
ווער וועט זיי משפּטן ?... ווער וועט באַשטראָפן ? !

זיצט אַזוי גערעכטיקייט, פאַרן בוך פון געוויסן;
שוויַיגן אַלטע ריכטער־קעפּ, באַזילבערטע און גלאַטע.
דאָס בלוט, דאָס פאַרגאָסענע, ווי אַ טיַיך האָט זיך געריסן: —
אין שאָטן שטייען פאַרהאָרעוועטע, אַכזרים די קאַטן.

בלעטערן בלעטער איבער און מ׳קאָן זיי נישט פאַרמישן;
פעלקער אויסגעראָטענע, רעכט האָט זיי פאַרטרעטן.
סע שריַיט אַזוי פון טיפער ערד, די שאַנד נישט אָפּצווישן.
שוויַיגן אַלטע ריכטער־קעפּ, פון שוויַיגן אָפּגערעדטן.

עפנט זיך אַ שווערער בלאַט, מיט די הענט פון אַ קינד,
מיט שוואַרצן אַנגסט אָנגעשריבן: — רחמים, ווּ ביסטו ?
שוויַיגן אַלטע ריכטער־קעפּ, פאַרלאָרענע און בלינד: —
משפּט זאָל ווערן אָפּגעלייגט, אויף אַ שוויַיגנדיקער שעה !

זיצט אַזוי גערעכטיקייט, פאַרן בוך פונעם שוויַיגן,
בלעטערט אָפּ דאָס משפּטן, — „פאַרעלטערטע חשבונות״ !
סע שוויַיגן אַלטע ריכטער־קעפּ, פון קאַלטן איבערלייגן;
דער וואַלד שוויַיגט און דער ים, און סע גליווערן תהומות.

מאַראָקאַנער

אַ פֿויגל אָטעמט לײַכט בײַם ים —
פֿון הייסע לענדער האָט אַ מענטש מן הסתּם
איך געבענקט,
געדורשט;
אין נגב געטרונקען
ס'וואַסער פֿון פֿלאַם.

מעת־לעתן צעוואַלגערט
אויף שטיינער
און בערג —
איז עס דער רויך,
וואָס פּלאָגט אים
און ווערגט.

זײַנע לענדן, די מידע,
אין פֿאַרזונקענע שעהען —
פֿליגל צוויי שוואַרצע
אין זאַמד לאָזט ער רוען.

פֿאַלן־אָפּ מאַכטלאָז
פֿאַרשלאָפֿענע הענט,
פֿון מדבר ביז מדבר
די הויט ווערט געזעגנט.

וויאַנעט די יוגנט,
די לוסט פֿאַרגייט,
און אויגן
און פּנים —

אַ פויגל, וואָס פרעגט:
אַ היים? —

אַ וואָרט אַזאַ ליגט,
שמאַכט אויף דער צונג,
און טירן פאַרמאַכטע —
פאַרהאַקט, ווי אַ שפונט.
די פרייַנטשאַפט טריפט־אָפּ —
גאַל אינעם ווינט,
דרייַ לאָקן געקרייַזלט
און — שוואַרץ זענען זינד.

נאָר, —
די מאַמע אַליין
זי חלומט בייַם ראַנד:
איר שוואַלב איז געפלויגן,
געפלויגן צום לאַנד,
און ווי דאָרט פאַרבעט אים
אַ צווייַגיקער בוים — —
זייַן לאָקיקער קאָפּ איז לאַנד
און איז טרוים.

אַפּאָגעי

וועלף און שאַקאַלן שטייען אַרום אין ווילדער פּליאה:
פון וואָס לאַכט עס איצט די בריאה?
צי גרייט זי זיך צו די שטערן פליִען,
מיט לאַפּעס שטאָלענע, מוסקלען געפלאָכטן,
צי האָט זי נישט נאָר־וואָס אַן אידייע געשאָכטן?

אָ, מענטש! אַ קין־גלגול שטעלט דאָס ליכט פאַרקערט
און אינעם שפּעטער פון זײַנע ווערק איז ער פאַרקלערט
— אינעם אחרית הימים.

ווען אַלע מענטשן וועלן זײַן אויסגעברידערט
און ער — דאָס אייבערשטע פון באַשאַף —
וועט זײַן גרויס
און רויט וועט זײַן זײַן גאַנצער באַטראַף
נאָר שטום וועט זײַן און אונטערטעניק די וועלט —
אַ פאַראייניקטער שקלאַף.

קורדישע לאַנדשאַפט

פֿאַרנעפּלט און שטאַר איז דאָס שווייַגן
אַ גאַנצע נאַכט צו דער וועלט.
זי זינקט פֿון די בערג אין שטייניקער מורא;
די נאַכט ווערגט, פֿרעסט אָפּ דאָס האָפֿן,
ווי גראָזן אין ווילדער קעלט.

אַ געיעג לויפֿט נאָך, ס'שטרויכלען די פֿיס —
אויפֿן באַראַזאַני־וועג גליווערט אַ קריכנדיקער וואָגן.
דער פּחד גייט מיט, בלייַבט הענגען אין ראָד, —
מיט אַ קול וואָס צעגיסט זיך אי ביטער אי זיס...
ווען וועט שוין אָנהייבן טאָגן?

דאָס דאָרף הענגט באַרג־אַראָפּ, ווי אַ שטיין,
וויסט און חרוב;
פֿאַרברענטע שוועלן, צעלייגטער יסוד.
דאָס געוויין ריזלט און זאַפּט איַין
אינעם אַש אַ גרויליקן סוד.
ווּ איז גאָט?... ווּ איז גאָט?...

שפּעטער אַ פֿאַרקוילט געשריַי:
ער איז מיט זיי, מיט זיי!...
גלאַנצט דאָס טויטע אויג פֿון אַ קינד;
ער איז בלינד! ער איז בלינד!...
— שורשעט דער ווינט.

הויל און נאַקעט, ליגט די היימישע ערד.
אירע קינדער שטומע אבלים.
טויב און מיד דאָס רחמים קניט
היטן דער שחיטה׳ס פּאַראַקערטע מײַלן,
אַ געדאַנק ווי אַ וואָלקן, דאָס געוויסן קוועלט
און זײַן שאָטן הויערט איבערן שלאָף פון דער וועלט.

זינג־זאַנגישער ניגון

גאָלדענע האָריזאָנטן פון איידער נאַכט
אין פרייד פונעם סוף שיילן זיך אויס.
אַ באַרג ביזן הימל זעט אויס פאַרטראַכט
אין שאָטן פון מענטש, אין בלויקייט פון הויז.

און בערג, וואָס הייבן זיך אין שנייאיקע רויכעס,
קוקן אַריבער מיט אויגן פאַרגלייזטע, —
חלומות פון דעמער און אַנטדרימלטע כוחות
פון בייזס, פון שלעכטס ווילן ווערן דערלייזט.

פלאָנטערן זיך רייד צו זיך אַליין געריעדטע,
ווי קינדער פאַרבלאָנדזשעטע אין אָנהייב פון וואַלד,
ווי סע ראַנגלט אַ מענטש זיך אין פאַרעיגולטער מעטע, —
אַ ליכטיקער שטערן אין אָפּגרונטן פאַלט.

באַלאָדן מיט לאַסטן איך שטיי פאַרן טויער
און וואַרט אויף דערלייזונג ביז ווײַטן האָריזאָנט.
שלײַכט אומרו אַרײַן, און איך — פאַרטרויערט
שטיי פאַרן טויער, ווי אין עפּעס דערמאָנט.

ווי גורל פאַשפעטיקט זע איך דײַן פנים,
אַלץ וועל איך זאָגן, אַלץ — וואָס דיר קומט.
די פרייד און די וואַרעם ביז נאַכט וועל איך מאָנען...
נאָר עס לעשט זיך דער טאָג, און אַליין בין פאַרשטומט.

ווער איך נאָך טיפער אין זיך פאַרשוויגן
און דאָס פעלד -- אַ מאַמע, אין עצבות צעטראָגט
סײַ מיך, סײַ דעם אומעט אין זינג־זאַנגישן ניגון,
צו דער שוועל פון איר בענקשאַפט אין פאַרגאַנגענעם טאָג.

האַרבסטיקע הימלען אין עמק

עמק־לאַנד. האַרבסטיק שפּיגלט זיך
אין דעם כּישוף פון מראה־הימלען,
אין דעם קופּאָלס אויפגעטורעמטע געבײַען,
אין גערטנער פּראַכטן לופטיק אויפגעשלאָסן —
רויטע, גרינע און בלויע פעלדער
און מאַרמורן־ווײַס געגילדעטע אויסגעגאָסן.

בשׂמים־לאָגלען זענען אויפגעזיגלט
ווי פון אַ טויען־דורשטיקן געטראַנק,
אַ וואָלקן וויקלט, פאַרציט אַ ניגון
אַזאַ דורכזיכטיק פאַרבענקטן געדאַנק,
טיולן פלאַטערן און וויגן
מיט דינע נעפּלען אים, אינעם גאַנג.

ביז אַ כמאַרע — האָריק און שטויביק,
ווי אליהוס רײַטוואָגן בייגט הימל צו ערד,
מיט דונערס אויפגעבונדענע און פול מיט רעגן —
אַז טײַכן האָבן צוגעדעקט די וועגן
שפּיגלען, לאָקערן די באַסיינען.

איין זײַט הימל איז שוין בלוי און גלויביק,
אין דער אַנדערער איז דאָס פלייצן נאָך געהערט,
בויען וואָלקנס לאַנדשאַפטן פאַר זיך אַליין,
און דער מענטש וואַקסט ווי גראָז און ווי בוים.
ביז דער האָריזאָנט שטײַגט אויף לייטערס אינעם שײַנען
מיט דעם זיבעטן וווּנדער פונעם טרוים.

אַקאָרדן

שטיל איז דאָס געוויין.
דער גײַסט אַליין שווימט איבער קברים
אין זײַן ווינטיקן לבוש.
שיר — אַ ליד ווערט געבוירן,
אַ קלאַנג, אַ טרויער און אַ חוש.

ויהי בימי —
עס טרייסלט נאָך די ערד איבער זיי.
דאָס צוגעדעקטע בלוט —
רײַסט פון זיך אַראָפּ די הויט
אין אַ פלייצנדיקן יאָמער.

צי ס׳איז פרילינג,
צי ס׳איז האַרבסט אָדער זומער,
אין דער נידער פון דער נאַכט
ברענט דאָס וואָרט דעם קין־צייכן אויס,
צווישן אויג און די שטערן.

איבער מיר

ס'וועט קיינער נישט קומען, מ'הערט נישט די טריט.
פאַרשטיינטע קברנים וואַרטן אויף מיר.
איבער מיר ווערט נאַכט — אַ בלויער גראַניט.

די וועלט דרייט זיך איבער צו דער אַנדערער זײַט.
אַ בראַנדיקער שטערן לײַכט־אויף און פאַרפירט.
און איך בין פאַרהילט אין עאָנס פון צײַט.

אוניווערסן פאַרהוילן מיך, כ'בין איינער אַליין.
דער טאָג גייט מיר אויס, גייט־אַראָפּ פון דער ערד.
און קיינער פאַרלעשט נישט דאָס שטילע געוויין.

וועט קיינער נישט קומען, מ'הערט נישט די טריט.
געטער פאַרשטיינטע היטן די טיר.
צעצונדענע הימלען, בלויער גראַניט
וואַרטן אויף מיר.

*

איר וועט שנײַדן מײַן פלייש, דאָס בלוט וועט נישט רינען.
דעם טאָג וועט איר לעשן, — ער וועט אויפגיין און ברענען.
איר וועט קייטן מײַן לײַב, — כ׳וועל געבונדן אַנטרינען.
מײַן גוף איר וועט טרעטן, — צעטרעטן נישט קענען.

איר קענט שנײַדן מײַן פלייש, און דאָס וואַרפן פאַר הינט.
די שוועל קענט איר וויסטן, ווו מײַן הויז איז געשטאַנען,
מיט פײַער, מיט פעסט, מיט ווירבלדיקן ווינט. —
איך בין דאָ, איך בין דאָרט, — אומעטום פאַראַנען.

איר מעגט שנײַדן מײַן לײַב — מײַן שווײַגן וועט גרוילן.
די ווונד מעגט איר ברענען, — מיך וועט נישט אַרן.
איר מעגט יאָגן מיך און שמײַסן אַ נאַקעטן, אַ הוילן,
כ׳בין אין פלאָג און אין פײַן איבער אַלע געפאַרן.

איר ווילט שטרויכלען מײַן מויל, פאַרצווייפלט זאָל בעטן
דעם טויט דורך אײַך, אָדער — פון מײַן האַנט גאָר אַליין,
אויפן דנאָ, אויפן אָפּגרונט, כ׳וועל זיך ראַנגלען און רעטן —
מיר טאָרן נישט, מיר וועלן נישט פאַרגיין.

אָקטאָבער

נאַכט הענגט אין רוים.
ס׳בליצט אַ שטערן.
דער הימל גרוי און שווער —
וועלדער לויערן.
פעלד איז פאַרהערט אין טויאיקן בוים,
אין סטאַוון פאַרהויכטע, אין נעפּל. אין פאַרע.

בראשית...
עס טאָגט, עס שאַריעט.
פיס אין זומפּיקע בלאָטעס,
שטאַפּעטן פאַרווירט אויף שאָסייען —
שאָטנס געיאָגטע, דערשראָקן.
עס וואָיען סירענעס ווי ווינטן אין האַרבסט,
עס רעדט און עס שטאַמלט די ערד.

פלאַקערן שײַטערס בײַם ראַנד פון דער ערד,
אַלאַרם שלאָגט־אָן צום האַרץ פון דער נאַכט.
רויטע ראַקעטן דעם אומרו פאַרמערט —
עס גייען קאָנוואָיען דורך שטעג און דורך שליאַך.

וועלט פון רשעות — אַ מוילוורף, אַ קרעט.
אין בייזער אימה זעט ווי
פאַלנדיקע בלעטער
צײַטיקן דעם טרוים פון אָקטאָבער.

שנײַדיקע ווינטן פרעסן די ערד,
קאָלוזשעס פאַרצויגן שפּיגלען די שׂרפה,
ברויט אָפּגעשניטנס דער הונגער באַגערט,
אין הייליקן צער אָקטאָבער טוט רייפן.

אין אויג אין ווינט־פאַרטרעטן
גייט האַרבסטיקער סטויג אויף מיט שפע
און שטעט טורעמען אַריבער געפאַר.
גייט־אויף איבער אַלץ אַ פלאַטער פון טויבן
וואָס גריסן די פייגל פון ווײַטע מרחקים,
און טראָגן בטחון און גלויבן.

די ברכה פון דער ערד

די ברכה פון דער ערד, —
די מענטשלעכע מי,
די קינדער, די פעלדער, די עופות, דאָס פי,
די הענט פונעם מאַן, די הענט פון דער פרוי,
דאָס קאָרן, דער ווייץ, דער זאַפט און דער טוי.

די ברכה פון דער ערד, —
דער שטאַם און דער בוים, דער צווײַג און די פרוכט,
דער וועג און דאָס הויז, די שטיַיג און די שטאַל,
דער טאָל און דער באַרג, דער טיַיך און דער וואַלד,
דאָס גאַנצע געשטאַלט
פון דער ברכה אויף דר'ערד,
ליגט איַינגעשרומפן אַצינדערט און הערט,
און זעט : —
עמעץ אַ פינצטערער טרעט,
איבער סטעזשקעס און וועגן,
איבער מענטשלעכער מי
— און די ברכה פון דער ערד
אַלץ טונקעלער ווערט.

די ברכה, די לויב, און דער ליבנדער בליק,
דער הימל, די שיינקייט, דאָס מענטשלעכע גליק,
דער פרילינג, דאָס גרינס, דער רעגן, די לופט,
דער מאַי און די פריַיהייט, דער רויש און דער דופט.
אַ וועווריק, אַ גרעזל, אַ העזעלעס שפרונג,
אַ בין, אַ פייגעלע, אַ שמעטערלינגס זשום,
אַ קעלבלס אַ מעקע אינמיטן דעם פעלד, —
דאָס הענגט איצט פאַרציטערט אין חלל פון וועלט,
דאָס הענגט איצט אין פחד, און אומפאַלן גרייט,
וויַיל עמעץ אַ שווערער, אַ פינצטערער גייט.

די ברכה פון דער ערד — די זאַנג און דער שטאַנג,
דער מכשיר, די חכמה, די בײַסיקע צוואַנג,
אין־סופיקע כוואַליע ; די לופט און דאָס ליכט,
דאָס גרויסע אומענדלעכע אַלוועלט־געזיכט.
די רוימען, די הייכן, די אַטאָמישע קראַפט,
די ברכה פון דער ערד, — די האַנט, וואָס שאַפט,
די טיפן, די גראָבנס, דער נאַפט און דער אַרץ,
דאָס אַלץ ווערט איצט פינצטער, און נאַכטיק, און שוואַרץ.
דאָס אַלץ איז איצט שווער, פאַרשטיינערט און שטום,
פון ברכה און בענטשונג — אַ קללה־געברום.
פון ברכה און פרייד — אַ דראָונג דער וועלט,
ווײַל עמעץ אַ פינצטערער — זונען פאַרשטעלט.

פאַרבליפטע געוויקסן

פאַרבליפטע געוויקסן אוןביימער אין ציטער,
ס'איז וווּנדער געזאַנגען אין ריטעם,
אין ניגון פון בלעטער וויגט אַ געוויטער
אין פיבער־פאַל אין דורכלויכט־מינוטן.

האַרבסט טראָגט אָן אַ גאָלדענע זון
און שאָטנס גרויע טוען הימלען צודעקן,
ווינטן שליחים אײַלט ער און יאָגט ער
צו טרײַבן דעם זומער, אים ראַנגלען און שרעקן.

רײַטן די ווינטן אויף טײַכן פאַרגאָסן,
ס'דונערט, — אַ באַרג גייט אַראָפּ מיטן וואַסער.
ער שטיינערט די פעלדזן מיט האַסט און פאַרדראָסן,
ווירבלט זיי אויכעט אַרײַן אין דער מאַסע.

דעם רעגן ווילדן מיט קעלט ער פאַרברידערט,
צעוויגט און צעשריגן אין בייזן געוועט
ביז אַ פּלעסקן מיט הענט דער ריטעם צערודערט
און צו זיך אַליין שוין פאַרטויבנדיק רעדט.

גיסט און גיסט און פּולצלינג הערט אויף,
באַווײַזן זיך טויבן צו באָדן די פליגל
אַ וואַרעמקייט רינט אַ שטראָם ערגעץ לויפט,
ס'ריזלט און מורמלט אַ לוסטיקער ניגון.

בלוי ווערט דער הימל און קלאָר אויסגעכמאַרעט,
זינגט אין די ביימער דאָס גרויסע געטראַנק,
פאַרבליפטע שטייען זיי אָטעם צעפּאַרעט
און נייגן זיך צום האַרבסט ווי זיי וואָלטן אים געדאַנקט.

קקיון־ביימלעך

צאַרטע קקיון־ביימלעך שאָטענען גרויקייט אויף דער ערד.
פון דאַנען בלאָזט אַ ווירבל־ווינט, אַ מאָדנע אומרו שטיקט.
זון גיסט אויס איר פולע היץ, גרויער שטויב זיך מערט,
הײַנט נאָך וועט ער זאָגן זיי: ער איז צו זיי געשיקט.

ס׳ברענט אַ דורשט זײַן גומען, אַלע מענטשן מיט פרעס און מיט זויף.
און די גאַסן יאָגן נאָך, און די הײַזער שיכּורע מיט לוסט.
ער גייט. סע טראָגן אים בזיונות פאַר ווען ער אַנטלויפט,
ווי שווערע האַמערס שלאָגן אויף זײַן ברוסט.

דאָס וואָרט וועט אים דערגרייכן ווי פייער־האַנט פון לויער,
איבער יעדער שיף, איבער יעדן לאַנד איז דאָס אויסגעשפּרייט.
נ ב י א, דו פאַרשעמסט מיך. מײַן רוף איז דיר טרויער,
אַז גאָר באַדויערן דאַרפסט אַ וועלטס פאַרגיין.

דאָס רחמנות דיר איז ווייניק, דו ווילסט נישט רעדן,
שרײַ זשע אַז איך באַפעל — פון אַנגסט און פון פּײַן.
דאָס באַשאַף גייט ווערן חרוב און טרעפן וועט עס יעדן,
קיינער וועט נישט אַנטרינען, אויך נישט דו אַליין.

שווינגט דער ים גרינע כוואַליעס — זיי קאָנען מער נישט שרעקן,
ער איז אַ באָרוועסער אויפן דעק מיט פאַרצווייפלונג צוגעקלעמט,
אַז נינוה איז טויב און זינדיק וועט ער זי קענען וועקן
גלויבט ער אַז ר׳איז צו זיי געשיקט, נאָר דאָס מויל זיך נישט צענעמט.

יונה

משׂא שווער ווי פּעלדז
איז נביא יונהן.
מיט שליחות איז ער אָנגעלאָדן
און איבערזאַט, ווי אַ טרער.
וואָלט ער ווערן אויסגעריסן
מיט בייזע רוחות אויף די ימען
טוט נאָר איינס פאַרצוימען זײַנע וועגן —
דער פּורטלעכער האַר פון אַלץ.

עס בלײַבט אים נישט וואָס צו פרעגן,
בלויז איין באַפעל איז נאָר פאַראַן:
גיי און זאָג!
האָט ער געזען שוין
דעם טאָגס ווונדער אין פישוף אויסגעצויגן,
אויסגעבויגענע פיש־געדערים, ווו אַ ישוב אויסגעשפּאַנט,
איצטער איז דאָס פרעמדע לאַנד,
אַ פרעמדע שפּראַך וואָס דעם גומען אים פאַרקלעבט.

אויסגעשפּרייט ווי אויף דער האַנט ליגט די שטאָט
און ער דרייט זיך ווי אין אַ ראָד,
ער האַלט אין איין קומען.
שלאָפט נינוה־שטאָט טיף און זינדיק
און זי ווייסט נישט אַז אירע רגעס שפּילן אויס,
מינוטן אויסגעציילטע זיך צערינען
ווי די אויגן אין אַן אַלט געוועב
און סע לעבט דאָ און פּליסט אַ זיסער סאָק,
אַ זאַפט פאַרבליפּטער
אַ זקנס שמייכל, אַ קינדס לאַך צעשטיפּטער,
אַ ציגעלעס אַ מע־ע, אַן עקסעלעס צעשפּרינג,

זײַ אַנען קוים און שפּירן ווי וועלט אין זיי צעזינגט
און ער, יונה ?
וואָס זאָל ער זאָגן, וואָס זאָל ער טענהען ?
ס'איז אים באַפוילן : איבער דורות שפּאַנען —
שרײַט ער אויס פון וויי און אַנגסט :
האָט רחמנות !
קיינער וועט פון דעם אַנטרינען,
אויב איר קענט אײַך נישט באַזינען.

אין פאַרביקן בלענד

דער האַרבסטיקער טאָג אין פאַרביקן בלענד,
בלויע טאַנען און גאָלדענע בלעטער.
דער ווינט טראָגט איבער דעם שטורעם־געווענד
צום פאַרפלאַנצטן געזאַנג פונעם שפּעטער.

אויסגערופן איז אין דער לופט,
טעג פול זון צו שאָטנס זאָלן נייגן,
זאָלן וויגן ביימער, אין תפילה און צער,
פון קרויניקער משׂא ביז וואָרצלען פון שוויַיגן
און וואָס מיט די צוויַיגן־הענט פונעם גוף
מוזן זיי וואַלגערן זיך ביז צו דער ערד,
וואָס הוילט אַזוי אינעם בוים דער ווינטיקער רוף,
צו וועמען געווענדט איז דאָס ווערן געהערט.

ס'איז רגע פון שטילקייט אין רוישיקער שעה.
דער בוים בייגט זיך אויס, ערגעץ ווו גרייכן.
אַזוי ווי דער ים וואָס האָט פאַרלוירן די רו
ריַיסט ער און שטויבט ביז די הייכן.

פרי־האַרבסט אין ירושלים

דער טאָג הייבט אָן דורכזיכטיק בלוי
און אַ מאָל צינאָבער רויט ווי נאַכטיקער דעמער,
איבערמישט ער דעם אָוונט מיט שטויב און מיט זמר —
אַ ווינט איבער טאַנען ריחות צעוויגט.

און גאַסן רוישן אַראָפּ און אַרויף צו די בערג,
ווינקען אַריבער געשלאָסענע הייף,
קלויסטערס ; צלמים, מינאַרעטן און קראָמען
בעטן גאָט מיטן ניגון פון שטיינערנע ווערק.
אויך די הערן וואָס איַלן זיך סומירן די צדקה,
מיַידן אַ פאַראומערטן בעטלער אַ זקן. —
ער איז אַ בלינדער, ער קוקט נישט צו זיי,
ער זעט נאָר די פאַרגאַרטלטע בתולות
פון דער הייליקער שליַיף.

דער כּישוף
איז האַרבסטיקער פּיַיף
וואָס וויקלט אַרום זיך דעם בלענד פון די פאַרבן
הלמאי געטער אין ירושלים קענען קיינמאָל נישט שטאַרבן
אַפילו מ׳וואָלט זיי געקרייצט.

אָט ריַיסט זיך פון ערגעץ אַ ניגון גמרא
און להבדיל, להבדיל — אַ גרעגאָריאַנישער פלייץ
ווי אָרגלען פונעם מקדש זיי האָבן פאַרשלעפּט.
און אויף בלויע מאַרין־טרעפּ גייט אַראָפּ דער טאָג,
נעמט זיך יאָגן אַהיים אַלע דאַגות אויפן פּנים,
די זילבער געפאַרבטע ניַי־ריַיכע געלעכטערס
סיַי ווי : ווער עס לעבט דערלעבט !

די שטערן שימערן קופּער־גאָלד אין בלוי אײַנגעוועבט.
עמעץ איז די שטערן מקנא, עמעץ אײַלט אַ תּפֿילה אָפּצושליסן.
אַן אַנדערער בענקט נאָך אַ פֿרײַנט דאָס האַרץ אויסצוגיסן,
און ווער סע וויל אָפּשיידן סײַ די דערנער סײַ דעם האַס,
גייט מיט זײַן האָפֿן אַוועק פֿון דער לויכטנדיקער גאַס.

שפּעטער פרילינג

אַלע בערג אין ווילדע בשׂמים
קומען פרילינג רעש באַגלייטן,
צו דעם טיש פון בלויען ים
שווימען גאָלדענע מאָלצײַטן.

פון דעם נעפּל טויכן פעלדער,
באַרוישן זיך מיט פאַרבן ווײַן.
אַ ברוינע סאַרנע פון די וועלדער
שפּרינגט פאַרבליפּט אין העלן שײַן.

אַ סאַבּרע־קוסט רײַט אין גרינעם,
ווינקט פון שטויבן צו די ווײַטן.
אין געלן צוויט טוט ער גליִען
פאַר די גאָלדענע מאָלצײַטן.

אַ גרינער בעכער אין ווײַסן טוי
איבער בייטן טרינקט און שוימט.
אויך דער מענטש דאָ טרינקט ביז דנאָ
פון זײַן גאָלדן־טרוים פאַרטרוימט.

אַלע ווינטן לויטער חלום —
קילן, שאָטענען, פאַרבײַטן,
גלעטן טײַכן אויס דעם שלום
פאַר די גאָלדענע מאָלצײַטן.

ביז אין הייסער שעה דער פּרדס
זאַפּט אין פרוכט ווען פאַרגרייטן,
רײַפּט דעם פרילינגס לעצטער שאַל איצט
פאַר די גאָלדענע מאָלצײַטן.

אייביקער ניגון

לאָמיר זינגען!

לאָמיר זינגען דאָס ליד פון לאַנד און פון ים,
וואָס מדבריות, לעבנס, מיט אונדז איז אַדורך,
האזינו, כוואַליעס, שטורעם און פלאַם
מעמקים פון אומרו אין בלוטן פאַרקאָך.

פון ווילדע מרחקים, דאָס ליד האָט געשפּאַנט,
דורך כאַמסינען, קעלטן, פּײַנען און פורכט
אין גורל־געגאַנג דורך אײביקער וואָך —
ביז צוזאַמען מיט אונדז ס'איז געוואָרן אַ לאַנד.

דערהויבן און גרויס — געזאַנג אויף דער ערד,
דורך פליינען, וועלדער, בערג און הייכן —
אַ פרייד, אַ בליִונג, דערהייבונג פאַרמערט,
ביז האַרץ צו הימלען קען גרייכן.

און „בזיעת־אַפּינו" — עס זאַפּט אונדז אַרײַן,
ווי אויף פעלדער פּאַראַקערטע זריעה געבערענגט,
מיר טרינקען דעם דורשט, ווי חלום, ווי ווײַן,
צום לאַנד, אונדזער לאַנד, מיר קומען פאַרבענקט.

מיר זינגען דאָס ליד: לאָזט אונדז פאַרוועבן,
ווי גראָז, ווי פלאַנץ, ווי פרוכט אויפן בוים,
ס'זאָל זאַפּטיקער אויפגיין אַ געזאַנג אינעם לעבן —
געזאַנג פון לאַנד און פון טרוים.

גוט מאָרגן !

גוט־מאָרגנס אינעם נגב,
מאַכט אַ וואַרע און לאָזט אַרײַן.
בלויע זאַמדן פּײַכט פון טויען,
ווײַנרויט־נאַפּט און גרויער שטיין —
אַ גוט־מאָרגן דעם, וואָס דאָ איז אַליין.

גרינע אַגאַוועס אין ווינט צעפינקלט
זינגען מיט מיטן האַרצס אוי,
זינגט דאָס בלוי פונעם אויג —
אַ לויכטנדיקע טרער.

גוט־מאָרגן די רעגנטראָפּנס קאַרגע,
נײַע האָפענונג אונדז ווערט.
באַסיינען פולע אין מיט פון וועג
וואַדיס — פּחד און נחמה
און אַ בענקשאַפט־ציטער וואָס פרעגט
די פעלדזן, מכתשים צווישן נעכט און טעג,
אויף קינדער, אויף שאָף און אויף גרינע לאָנקעס.

אַ גוט־מאָרגן די יונגע בייטן
און דער פרײַנדשאַפט פון גרינעם קוסט,
און דער חלום און דער וואָר
און דער שעמעוודיקער לוסט.

אַ לויב

אַ לויב, אַ געזאַנג, —
אַ שבח פאַר די חסדים.
אַ שבח פאַר די טרערן.
אויך פאַר דער שׂמחה וואָס מיר קענען באַגערן.
און פאַר דעם טאָג וואָס שוועבט אונדז פאַרבײַ
ווי אַ בלאַט צו אַ צווײַג געבויגן.

די אויגן פון אַ מאַמע צערטלען פאַרנאַכטיק דאָס קינד.
איין טאָג דעם צווייטן דערקענט און — פאַרשווינדט.
איינער אין צווייטנס לעבן פאַרגייט.

און ווײַט, ווײַט הויערט אַ טאָג
און קנעט זײַן גוף אינעם ליים. —
איין טאָג דעם צווייטן איז אויך מבשׂר די שײַן.
ברענגט אים צום אָנהייב פון די ענדן צו פירן.
פאַרן טויער פון ניגון שיילט אויס זיך די שוועל
אין בלויען העל.

בײַם ים

I

טרענקט זיך אַ זון אין פֿאַרנאַכטיקן ים,
טרענקט זיך אין וואָלקן אַ בלוט־רויטער שראַם,
שטיי איך דאָ אין דעמער־שעה און ווייס נישט ווו איך בין;
צי פֿון זאַמד, צי פֿון ים — ס'פֿאַרשפּינט מיך אַ שפּין.

ציטערט אין מערב קלאַנג צי געווימל,
און קומט־אָן פֿאַרציט זיך דער הימל.
ערגעץ אַ היים בענקט איצט נאָך מיר? —
אומעט קומט־אָן, רײַסט אויף מײַן טיר.

הינטער מיר, די שטאָט, אײַן רויש זיך פֿאַרגייט,
בשׂורהדיק צעוויגט זיך, מיט נאַכט זיך פֿאַרזייט,
דערגרייכט מיך איר אומרו אין פֿיבער צעטראָגן —
און גרויער, ימיקער, וואָס ווילסטו איצט מיר זאָגן? — —

פֿון גראַנאַט־צעשפּילטער ווײַט שיילט זיך אַ שיף אַרויס,
שוין אַזויפֿיל נעכט אַ צײַט, כ'גיס מײַן טרויער אין דײַן שויס,
שטיי איך דאָ איצט אַ צעוווּנדיקטער — עלנטער וואָס איך בין! —
צי פֿון נאַכט, צי פֿון טרויער — עס פֿאַרשפּינט מיך אַ שפּין.

II

און שפּעטער איז אַ נאַכט אַראָפּ, ווי אַ קעמל זיך צעהויערט.
כ'האָב געלאַכט אַזוי פון זיך און מיך אַליין באַדויערט.
ווי אַ שאָטן איז מײַן פרייד אין חלומות אָפּגעגאַנגען,
אָוונט האָט זי שטום געמאַכט, ווי פײַגל אויסגעפאַנגען.

עס הענגט אַ תּפילה ערגעץ ווו, אַ חלום ווערט געבוירן,
עס פלאַטערט אום אַ בענקשאַפט — ס'האָט זי ווער פאַרלוירן,
און עס וויגן זיך די הײַזער מיט נאַכט אָנגעטרונקען,
אויף שויבן זיך צעגליִען קופּער־רויטע פונקען.

איבער גרוי־צעשפּיגלטן ים, אַ נאַכט האָט זיך צעשפּילט
ס'האָט עמעץ איצט אַ מאַטקייט דאָ אין זאַמדן אָפּגעקילט.
שלאָגט אין ברעג זיך אָן אַ כוואַליע, פאַרזייט אַ ווײַסע שוים —
צי פון נאַכט, צי פון ים — עס פאַרשפּינט מיך דאָ אַ טרוים...

פרילינג אין דאָרף

הייסער דופט און פרדסים־ריח וואַרטן אויף דער ברכה,
אויך די יאָדלע, דער נוסבוים און אַ שטיין אין וואַלד,
אַלע פעלדער אויף רעגן בעטן, אויך טאָל און באַרג.
און אַ ליבשאַפט טוט דאָ וואַקסן מסירותנפשדיק און שטאַרק.

עס שפּאַלט אַ שונא ערגעץ־ווו די אָדערן פון אַ בוים,
צי מיט קנאַלן פון אַן אײַזן הרגעט ער אַ מענטש.
און דער פרילינג וואַרט אויף וואַסער צו באַפײַכטן די ערד. —
וואָסער זאַנג קען אים געבן שוין דאָס ברויט וואָס אים געהערט ?

און דער טרויער שווערט. — ווילדע גראָזן בענטשן זיך און מערן.
נאָר די מי איז פריידיק, וואַקסט אַרײַן אין טאָג.
דאָס האָפן, ווי דאָס טרוימען, דעם פרילינג איבעריאָגט.

שפיגלען זיך די הימלען אין זייער טורעמדיקער הייך
און קינדער טרינקען דעם וווּנדער־שטראָם וואָס שוועבט —
פון טיפן קומט דער גלויבן וואָס דער פרילינג וועבט.

אַ ניגון אין שטאָט

די שטאָט,
מיט ווענט פון גרויען שטיין אין אויסטויש פון ליכט.
אַ בריק אין תהום אַריַין זינקט.
מענטשן ציִען אין דעמערדיקן ראָד,
לאַכן צו די שויפענצטער ווי צו אַ בלענדיקן ים.
אַזוי אויך דאָס האַרץ
ציט, צו פלאָגן דאָס געמיט.
און אַזוי אויך גייט די כוואַליע פרייד קעגן נאַכט —
מיט מייַלער־פלעסק, מאַשין־געררויש —
גאַס אויס גאַס איַין...

אַ ניגון —
לייַכטע וואָלקנס איבער קעפּ, אין שאַפּירענעם בלאָ.
זיַין אָטעם איבער טרעפּ זיך דרענגט,
דורך דיוואַנען־גענג און מאַרמאָר־שליף
ביז קעלערן טיף אַראָפּ,
די בשׂורה ער ברענגט — אַ ניגון.

עס שפּילט אַ קלאַרנעט.
די נשמה ער גלעט מיט זיַין אומעט
און ער שעלט און בענטשט דעם נאָמען מענטש.
און שטרעקט ער אַ האַנט, איז צו בעטלערינס וואַנט,
ווי טאָפּאַז איז אַ שטיין אַזוי זיַין האַרץ צום געוויין, —
רויט פון וויי און פאַר קנאה געל, ווי תמיד.

נאָר ווי קראַנק איז צו היילן — איז אויך ניגון אַ טייל,
פון הונגער צו זעט אין פאַרהוילענעם וועט —
זיַין און פאַראַן איז קאָסמישע שעה,
אין אַ רגע פון אַ פונק, דאָס אַלטע ווערט יונג
און צער ווערט פרייד אין אויג פון געזיכט —
מיט אייביקן ליכט.

אייביקער ניגון

א

פליסטערט אַ ניגון און וואַנדערט
דורך אָדערן, דורך האַרץ אָנגעבונדן;
ווי אַ תפילה בלחש דורך פענצטער, דורך שויב,
מיט ריח פון מאַנדל און גרין־אָלעאַנדער,
מיט שקיעה און אויפגאַנג אָנגעצונדן.

אַ בלום קען געזאַנג פון פאַרוועלקטע מזלות,
אַ מענטש זינגט דעם תוך פון אומענדלעכן טאָג.
ביַי גאָט ער איז אַנטקעגן גורלות.

אָט לויפט ער און לויפט און זיי יאָגן אים נאָך
און פלוצלים דער ניגון שאַרפער ווערט, קלאָרער,
אַ ניגון פון בענקשאַפט לויפט מיט און דערקענט,
די זון גייט אויף — ס'ווערט וואַכער און וואָרער —
אַ ריטעם פון מי און ליכט אויף די הענט.

ב

אײביקער ניגון, אײביק דאָס יאָר —
װאָס גיסט טעם, קלאַנג און אַקאָרד:
פּילט אָן — די געפּעסן,
מיט שיכחה־געזאַנג,
אַז ער פּלאַטערט אין װינט.

איז מיט טרויער פול דײַן ציקלישער טאָן
װאָס אין פרילינג־זאַװײעס ברענגסטו צו טראָגן,
צי גאָר דו ביסט פון האָפענונג די פאָן?

װי װײַט קענסטו גרײַכן, אָ ניגון געזאַנג?
װוּהין גרײַכט דײַן כח װאָס לאָזסט זיך נישט אויס?
פון װעמענס לאַנד קומסטו װאַלדיש אַרויס?
װוּ ביסטו בראשית און װוּהין װילסטו גײן,
אַז סײ װי ביסטו מיר פון געזאַנג דאָס געװײן
אָ, אײביקער ניגון.

ג

דור־איַין, דור־אויס,
דאָס לעבן צווישן גרענעצן זיך טיילט —
אויף ליבשאַפט צום נעכטן און שׂנאה צום הײַנט.

קאָן עמעץ אַנטלויפן פון קרייז פון די טרערן?
אויסכּישופן זיך פונעם עיגול צו דער פרײַ?
זע, ווי פּילגרימער ראָלן דאָ פאַרבײַ:
די נע־ונדער גאַס איז פול מיט גאָט
און מיט זייער אויסבאַהאַלטן פּנים.
אָוונטיק זיי גייען אונטער לאַסטן פון שפּאָט,
מידע פון וועגן און פון בענקשאַפט געשלאָגן,
און ווידער מיט נײַעם כּוח און מיט אויגן פאַרזענקטע, —
זיי גרײַכן דײַן קול אין אויפגייענדיקן טאָג.

ד

ווי בערג טרעטן אָפּ;
ווי אַ פעלדז גליטשט אַראָפּ זיך צו פאַרשיטן
און בלײַבט פאַרציטערט אין מיטן פונעם וועג, —
אַזוי דער ניגון, וואָס נאָר וואָס געבוירן.

אין איין זײַט איז אויפגאַנג
אין דער אַנדערער — פאַרגאַנג,
אַ קלאַנג גייט פאַרלוירן,
אַ פּחד לויפט אים נאָך —
ראַטעווען זיך אָדער וועמען?...
און פון וואָס: —
פון בושה? פון ווייטיק, פון זיך שעמען?
און וואָס מיט אַחריות וועט זײַן?
ווער וואַכט איבער אים און ווער לויערט איבער אים ווי אַ חיה?

ווער איז אים ווידער גרייט צו פאַרשטיינען?
ווער גייט געווינען דעם פּאַרטוש און פאַרטויש
צווישן פאַרדאַכטן פון היינט און פון נעכטן,
אַז דאָס געשרײַ פון שחיטה, מען קען סײַ ווי נישט אַנטוויינען.

בלויז אַ ווינט אין די ביינער, ווי גאַז וואָס פאַרסמט
און בלעם־מײַלער שעלטן, דעם שטאַנד און דעם שטאַם,
און די ערד די געגאַרטע, שפּרייט זיך אויס ביזן ים,
ביז — צפון, ביז דרום, ביז מזרחדיקן פלאַם
גייען געאָרעמט אַרײַן אינעם ניגון.

ה

ווי ביימער וועלקן אָפּ און פֿאַרווילדן,
ווי טײַכן שווימען־איבער זייער גאַנג
אַזוי דער ניגון וואָס קומט אויף מיטן טאָג
אין שטילן געזאַנג.

ער פֿאַרטרײַבט נישט די קלאָג,
וואָס גראָבט זיך אין האַרץ צו פֿאַרטיפֿן,
ער הייבט אויף דאָס געוויין, העכער און העכער;
און שיקט עס איבער ימען אין שיפֿן.

אויף פֿליגל פֿון צער פֿון עצבות און פּײַן
ער טראָגט אַלע קלאַנגען און שטימען,
ביז וואַנען דער פֿרילינג וועט די שנייען צעטײַען
און זייערע וואַסערן צשווימען.

ו

אַ מדבר וויסט איז די וועלט אָן אמונה.
אויפן אָפּגרונט־דנאָ
ווו דער מענטש איז פאַרלאָזט און אַליין
אין פראָסט און אין קעלט,
אין עלנט ווי אין בלויען ליכט פונעם טאָגן,
אין רעגן, אין שניי,
איז ווינד און ווי אָן אמונה דעם מענטש.

זי געפינען מיינט: ברויט פאַרן הונגער,
מיינט אַ זין און אַ תכלית
אין ענגשאַפט פון רוים,
אין לופטיקייט פון טרוים,
אין הרחבה פון געדאַנק און פון שלום
ווערט דער חלום ליד: והיה באַחרית הימים.

דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען,
איבער טרויער,
איבער צער,
איבער יעדער עולה וואָס איז געשען
דער ניגון וועט גאָר נישט פאַרזען.

ז

פון ערגעצן,
פון אונטער די ערדן
שלאָגט אַ געזאַנג.

וואָרעם יעדערער וויל זײַן חלום זאָל ווערן
מקוים אין צײַט און אויף אַן אָרט.
דער שטיין זאָל זײַן זײַן יעקב־צוקאָפּנס
דאָס גאַנצע לאַנד אַן אָרט פֿאַר זײַן לייטער.

אָט אַזוי,
העל, מיט בלענדיקן רויש,
פרײַ מיט ווירוואַר און מיט קלאַנג,
פון ערגעץ,
פון אונטער דער ערד שלאָגט אַ געזאַנג.

וויל אַ קוואַל פון חלום אויפגיין,
וויל ווערן וואָר, וואָרער,
פון טונקעלער חשכות פון דער טיף,
דער ניגון זאָל אויפגיין אַ קלאָרער.

ח

מיטן לשון פון וואַלד און זייַנעביימער
רעדט דאָס ליד, דער ניגון.
מיטן רויש וואָס פאַלט אַרייַן אין די תהומען,
מיטן שטיינדל וואָס פאַלט אַראָפּ פונעם באַרג
איז פול די וועלט.
נאָר מיר גייען אַוועק אין שטילקייט, בלחש,
מיט טריט — רייד, מיט שפּאַן — האַמערס,
און ווילן דאָס קול אין זיך פאַרטויבן.

דער גלויבן — דינע פעדעם פון זומער פאַרנאַכטן,
ראָז און גאָלד געוועב און פרילינג פאַרטאָגן,
דעם ניגון אין זיך — און קול פון געוויסן —
מיר פאַראַכטן, פאַריאָגן.

און דאָס וואָס זיך קלאַמערט צווישן וואָלקן און הימל —
איז צעמיש און טומל.
ווי אַ דונער פאַרווישט מיט קנאַל און רויש און מיט פחד
דאָס גרוי פון דער שויב אינעם רעגן,
ווי אַן עול אויף דער פלייצע, ווי אַ לאַסט אויף די וועגן,
מיר פאַרוואַרפן דאָס פאַרשטיין, ווי אַ שטיין אין פאַרפאַל.
ווייל טריב איז די שייַן פונעם טרוים,
ווי טריב ס'איז דאָס ליד.

נאָר די וועלט פון שווייַגן און קלאַנג
ווערט ליכט, ווערט ניגון
און עס פאַרשווימט דער האַרבסטיקער שאָטן
פון מידן געזיכט,
און עס זאַמלען זיך שטראַלן אָן צאָל
דורך לעצטע בענקשאַפטן געפירט.

ט

צום נאַכטיקן ים פון בלויען סאַפיר
עס עפנט זיך אַ טיר.
אַ חלום פון חסד פירט דעם אייביקן ניגון.

אַ חלום פון גוטסקייט וואָס קאָן ערגעץ פּלאַצן,
ווײַל רשעות האָט דעם דנאָ אונטערמינירט.

פון אַנטקעגן אַ שניט, אַ שטרײַף אַ רויטער,
און טענער איבערקלאַנגישע ווערן געבוירן;
ביז איין זון פאַרגייט, אַ צווייטע אין געבער,
די פליינען מיט בשׂורות באַלײַכט שוין.
נעמט שײַנען דאָס ליד און זינגען און קלאָגן
צום קומענדיקן, מאָרגנדיקן טאָג: —
קום, אָ געדאַנק, ס'איז אויפגאַנג איצט נײַער,
מיט יסורים און פריידן פאַרפלאַנצטער;
סכּנה און פּחדים ליגן בײַ דער שוועל
פון וואָריקן וואָר און פון חלום.

האָריזאָנטן דערוואַרטן דעם נס פונעם טאָג
די קולות פון פייגל און גראָזן,
ביז ניגון וועט ווערן פון שלום די וואָג —
דאָס האַרץ מיט חסד זאָל שלאָגן.

דער זית

אין גרינער שטילקייט רעדט אַ זית,
מיט סאָק און זאַפט דערציילט ער,
פון ביימער פעסט פאַרוואָרצלטע
אין שטייניק האַרטער ערד.

דורך זומערן דורן׳ ווינטערס,
אַנטלויפן יאָרן, טעג אַנטווייִנען,
און זײַנע איילבערטן
די ביימער באַקרייִנען.
און אַז זיי פאַלן אַ קרייז אַרום דעם בוים
ווערט עמעצנס אַ טרוים גרינער.

אין גרינער שטילקייט רעדט דער זית,
אַ לשון היימיש, קלאָר,
פון וועלט דאָס חיות
פון הייסער ערד דער זאָט,
לויטער וועט דורכזיכטיק לײַכטן.

אַ פינקל־געזאַנג פון לעבן דערהייכט,
ווײַל אַלע מוזן קומען, צום קערן וואָס דערנערט,
ווײַל ערגעץ ווו, אַ וועלט דאָס דערהערט,
ערגעץ ווו אַ וועלט זיך פאַרנייגט —
מיט כּבוד פאַר אַ פאַלנדיקן זית.

נישטאָ קיין פאַרגלײַך

ס'איז נישטאָ קיין פאַרגלײַך
צווישן גלײַך און אומגלײַך,
אַפּילו אין איין ברוסט ווען זיי וווינען.

נישטאָ איז קיין דמיון, ווען דאָס לעבן וועט קרוינען
מיט ייִנג־זײַן און אַלט־זײַן, צווישן אומרעכט און רעכט,
מיט שווונג און געזאַנג און אומגעזעטיקטע לוסטן.
צווישן גליק און אומגליק — דער מום פונעם עני
וואָס איז חשוב כמת.

און אַליין דער מת אין זיך ער טראָגט אַ לעבן לאַנג.
אַזוי אויך דער געדאַנק ווי דער בליץ, נישטאָ קיין פאַרגלײַכן;
איינער שנײַדט שטיל אַדורך דעם אוניווערס,
דער צווייטער — מיט ליכט און מיט דונער
וועט יאָגן און יאָגן און וועט נישט דערגרייכן.

ווי דאָס קלאָגן פון קרבן צו דער שחיטה געפירט —
ווער איז פאַרשפּילט און ווער — מנצח?
ס'קען זײַן אַ פאַלק, ס'קען זײַן אַ מענטש,
אָדער גאָר אַ שעפּסל שוואַך און פאַרלוירן,
אין די הענט פון רוצח!

קיינער צו זייער אומקום האָט גאָר נישט געשווירן,
קיין רעגן־בויגן באַשטעלט אין מיטן דעם הימל.
און נישטאָ קיין פאַרגלייך צו דער סברה,
אַז גאָט אַליין העלפט און באַשערט דעם מחבל,
ווי ס'איז נישטאָ קיין פאַרגלײַך —
פון נאָך נישט געבוירן, ביז נאָך אַלץ נישט געשטאָרבן.

פון מידבר סיני

א

קום אַרויס און זע:
שטיינער און מושלען פינקלען אין דער זון.
ס'העלט און ברענט אַ וואַדי־בעט
מיט דימענטן פאַרזייט.
אַ שוועבנדיקע ליכטיקייט,
אַ פײַערדיקער זײַל.

קום אַרויס,
ווען אַפילו נאַכט און ווינט.
באַלד וועלן שטערן ברייט אַ פינקל טאָן אין בלאָ,
קום אַרויס און לויב צו ברוך־הוא —
פאַר אַלץ:
פאַרן ציגעלע וואָס שפּרינגט אַנטקעגן ליכט,
פאַרן גרעזל, וואָס שלאָגט אַרויס פון שטיין.

קום צו גאַסט צום מידבר־קוואַל —
מים־חיים שלאָגט פון טיף.
און צום שוועבלדיקן שטראָם וואָס שוימט
איבער ווילדע חלומות פון מלאכים.

הער, פאַסטעכער פײַפלען אויס דאָס בלאָנדזשעניש
און דאָס אומעטיקע גיין.

ב

הימלען ביז דער ערד,
שופרות שפּילן דעם באַשאַף —
דער מידבר ווערט ;
אויפגעהילטע ווירבלבערג — ווונדער־געמעלן,
פֿאַסן געל, פֿאַסן טונקל־ברוין און רויט,
מעכטיקע גראַניטן,
בלעטערדיקע הויטן ליים און אָקסיד,
קרוינען קופּער און מאַלאַכיט.

דער מידבר ווערט
צעשפּרונגענער צעשויבערטער קאַדריל
אין טויזנטער געשטאַלטן.
איך זע נביאים אין שטיין
ביז די ערד באַהאַלטן.
זיי פּלאַסטערן וועגן פֿאַר עולי־רגל,
וואָס דאָרשטן דאָס געטראַנק פֿון גאָט
אין ברענענדיקער היץ.

און זיי טובלען זיך איבער די אויערן אייביק
אין פֿלייצנדיקן ים
אַרום מידבר און צייַט
ווו די וועגן זענען אויסגעקריצט.

ג

ווײַל עס שלאָגט די גבורה פון די דנאָען,
לאַכט אויס דער וואַנדערער די ווינטן,
וואַרפט אָפּ די זאַמדן־כמאַרעס
און זײַן רוקן טויכט אַרויס פון פאַרפּלייץ.

אין ברענענדיקער לוסט קוקן זײַנע אויגן
אויף דעם מירמלנעם רייץ אַנטקעגן איבער.
אין פאַרגליווערטער הוויה מורמלען זײַנע ליפּן:
על־פּי הדיבור ביסטו, מידבר, אַ פאַרשטיינטע חיה.

און איך בין אַ ריז, מײַן דיך איז אָפּגעדעקט —
איך גרייך דײַנע פעלדזן און די וואָלקנס מיר דערציילן
פון ווײַטע לענדער און פון ימען.
אַז טאָג מיט אָוונט גייען זיך צוזאַמען,
נידערט זון אַראָפּ אין פלאַמען
אויסצוואַרעמען אויף דײַן זאַמד
אַ געלעגער פאַר מײַן שאָטן.

דערנאָך
שטרעק איך אויס מײַנע הענט
אָנצורירן דיך און די שטערן.

מײַן טאַטע

די באַפליגלטע װערטער װאָס איך איצט באַדאַרף —
אַ האַרץ, אַ האַרץ לױטער װי קרישטאָל
אַ קלאַנגען־װאָרט
װאָס זינגט זיך אַליין װי אַ װוּנק —
װאָלט איך ריכטיק דערציילן געקאָנט
דאָס ליכטיק געשטאַלט פון מײַן טאַטן.

צעשטראַלטע נאַכט...
איך קאָן זיך דערמאַנען:
אינעם הימל אַרײַן פאַרטראַכט אַ טיפער סאַמעט איז
אױסגעשפּילעט מיט שטערן װי פונקען, װי פלאַמען.

יום־כּיפּור נאָך נעילה מיר זענען זיך פאַרגאַנען,
איך אַ קינד,
מײַן טאַטע פירט מיך בײַ דער האַנט.
בינדט ער אױף אַ שמועס צו מיר
גלײַך איך װאָלט אַלץ פאַרשטאַנען: —
זעסט דעם הימל,
דאָס איז מראה תּכלת.
אין דער מראה זײַן כּבֿוד
איז פאַראַנען באַװיזן, אויב מ׳איז זוכה,
שטערן װאָס שװימען אין דעם בלאָ
די הױכע שליחים פון ברוך הוא...

און פּלוצים איז אַלץ געװאָרן קלאָרער
בלױער באַשייד, פּשר צו אַלע רייד,
צו אַלע חלומות און באַגערן,
װאָס װעלן ערשט שפּעטער װערן
װען כ׳װעל זוכן אַ האַפן —

אַ האַרץ באַגלייבט פאַר אמונה,
אַ קוואַל איבערגעגעבן קעגן צווייפל,
וועל איך הערן דעם טאַטנס רייד זיך פאַרשלייפן
צום סוד פון תכלת וואָס די וועלט אַרומגייט
ווי זאַפּט און ווי טוי —
דער סאָק פונעם לעבן.

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי

אָ, מײַסטער!
די גײַסטער שטייען בײַם זוים
און די ברעמענלאָזע בעלת־אוב איז טונקל.
זי טראָגט אַ קרוין פון ברענענדיקן טרויער,
פון וואָלקנס, שׂרפות —
אַש און פאַרברענטן ריח פון לײַב.
אויף רוימען אויסגעשפּאַנטן כּישוף —
זי זעט דעם גאַנצן ישוב,
זי פליט אַרום דעם ווײַטן טרוים פון מענטש;
גרויזאַם זעענן פלי־מאַשינען — לעאָנאַרדאָ! —
זיי ראַיען — אויסגעוואָקסן, אויף אַלע פעלדער פון לויער.
נאַר מאָנאַ־ליזאַ לאַכט און וויינט אין די חלומות,
די ליבע און דער צער אין אַ ווײַטן טרויער — וואַרטן
אין טיפן סוד פון תהומות,
דאָס מאַמע־האַרץ אירס
און די פונקען פון אירע הענט שיצן
דאָס מענטשלעכע, דאָס הייליקע וואָס איבערן פאַרשטיין.

*

זינט דער לעצטער סעודה איז דאָס פאַרגיין
ווי אַ תפילה אויף אירע הענט ווי אַ קיום, אַ געדאַנק
וואָס גייט אויס אייביק פאַרפײַניקט אינעם בליִען.
זיי זאָגן:
דו אַליין!
דו און דײַן לויטערע רו פון אַ געשטאַלט
זענען ווילדע סערפּענטינען, מיט דאָרן און מיט פעלדז אָנגעפּוישט
זיי זאָגן:
פון בראשית אָן האָט די פרוי אומווערדיק דיך באַרוישט.
זיי פאַרשוועכן איר געזאַנג מיט פרעכן אויספײַף צום ווינט —

ניסט קיין טרערן, — זאָגן זיי — נאָר זינד!
זינד!
ביזן סאַמע ענד פון תוהו ובוהו איז סײַ ווי אַלצדינג לער —
און פון דאַן איז די גאַנצע וועלט — נוטה־למות!
זיי זאָגן:
מלחמות, ביטערע,
עולם הדמיון וועט פאַרציטערן!
גלײַך ווי פּיקאַסאָס פערד פון „גערניקאַ"
אין תחית־המתים אַרײַן קען וויינען און קלאָגן
אויף אַלע מענטשן־פערד און קינדער געשאָכטענע —
אין אַ גרויען, פאַרשטיינטן, בלוטיקן ים,
און דער גורל פון די טעג קען שוין טאָגן — אַ טונקל־בלויער פלאַם
וואָס ברענט אויס יעדע שיינקייט ווי אַ שטערן וואָס גליט נאָך אַלץ
אין איינזאַמער אַליינקייט.

ווינסענט וואַן גאָך

ראַנגלט זיך ווינסענט,
נישט אָפּצורײַסן פונעם טאָג.
נאָר ס'טרעפט, ער איז אַראָפּ
אין אַ טיפן ברונעם, געצויגן פון אַ קוואַל.

דער טרויער האָט די אויגן אים פאַרבלענדט...
אָבער אַלע טאָג, ווען די זון ברענט
און אַלע געלע בלומען גלײַכן זיך צו איר;
אַרום איז מילד און ליב,
ס'קען נישט זײַן, אַז דאָס האַרץ איז באַטריבט.
אויב אין די הענט איז דער ווייטיק,
אָדער דער געדאַנק, עטוואָס פאַרזוימט —
אַלע ווייסן די וווּנדער־וועלט, וואָס ער טרוימט.
ביימער ראָזעווע, וויאָלעטע און מאַרין,
פאַריזער בלאָ און גרין.

די וועלט, דרייט זיך ווי אַ קויל
פון גראַנאַטענעם הימל אַרויס,
ביז גרויער וואָכעדיקער שעה,
ביז ווייצענע פעלדער, גאָלדענע,
יום טוב־ווינט און פלאַקס,
ביז אַלץ וואַקסט און ס'איז שטאַרק,
ווי ס'איז די ערדישע פויערן־מאַמע,
וואָס אירע סנאָפּעס הייבט זי צוזאַמען מיטן באַרג,
אַזש, —
באַוועגט זיך אַרום איר אַקס.
און דאָס קליינע שטעטל, מיטן קלויסטערל —
מיט איר קאָראָהאָד זיך דרייען —
מעג ווינסענט טרויערן, צי זיך פרייען.

מיכאל אַנדזשעלאָ

ביז היַינט און אייביק —
הייב־אויף דאָס לאַנד, געצייכנט פון גאָט,
היה, הוה ויהיה׳ס געבאָט —
מיט מעכטיקע הענט.

אין פארבן צעהעל, אין געשטאַלטן צעזינג,
אין חכמה פון פיַיערדיקן־ראָד, דערקען
דאָס געגאָד, די אמונה,
פון אונטער בערג דעם סוד אַפּערגענומען.

מיט גראַנגל באַסימנט,
אין שטיין אויסגעהאַקט, מיט שווערד און מיט האַמער;
אַ דוד־געזאַנג, אַ לויב און אַ שטאַמער —
אַ תהילים, פאַר דער גאַנצער וועלט.

פאָדערסט דעם מענטש אַרויס פונעם טאָל,
דער טרוים פון דער שיינקייט, מיכאל;
אין דיר אַ טייל פון דער גרויסער איינקייט.

אין יום־הדין איז גאָרנישט ניט הפקר,
אַליין אין אַליינקייט,
אַ רינג אין אַ קייט זיך צערינגט;
פעסט ווי געדאַנק איז משפטס פאַרלאַנג —
מיטן לויף פון די דורות זיך בינדט.

נאָר ווי משהס געזיכט,
איז פון דיר דאָס ליכט
פון שטראַלן, עס וועלטיקט און שיַינט;

אַזוי מדבר־לאַבירינט,
דעם מענטש וואָס איז בלינד,
די אומענדלעכע שטערן ער לייענט.

און הײַנט ווערט קלאָר און דער מאָרגן ווערט וואָר,
אַלץ וואָס פאַרנעפּלט און שלעכט.
ווי ס׳איז שטאָלץ די געשטאַלט,
וואָס די פינצטערניש שפּאַלט —
אַז מענטש וועט נישט זײַן קײַן קנעכט.

און דו, מיכאל, צעבליסט פון דער ווײַט־אויס
מיט גײַסט און מיט קראַפט,
פון טיפן פאַרטאָג דו צעהעלסט ;
און ס׳איז עדות דער שטיין און די אייביקע צײַט, —
אַז מענטש איז באַשאַף און איז וועלט.

אפרים משה ליליען

דו ביסט

די בענקשאַפט פון מײַן יוגנט,
וואָס וויל נישט ווערן אַלט און ווערט,
דו ביסט פון שיינקייט און טוגנט דער נביא,
דער מאָלער פון ליריק פון שטילסטן געזאַנג.

ס'איז אַ קלאַנגען־פּאַרטראַכט
דײַן חלום — לאַנד פון תנ"ך,
משיחיש גליצענשטייניש
און פון קייטן באַפרײַט.
דײַנע הימלען צו אורי לעסערס ירמיהו
שטערנען איבער ערד
ביז יעדער צוזאָגן ווערט מקוים
ווי שיר השירים איז דאָס ליד פון סמדר —
ווי ליבשאַפט, אמת און ווי צער.

און צעשטראַלסטו די זון איבער ציון
וועבסטו אײַן טאָלן און בערג
אין פאַסטעך אין שעפּעלעס טריט
און סע וואַכט דאָס געשטאַלט געטרייער
דעם אַפּרייטער בלײַכן די מירטן גרינען
נײַער מזמור לדוד פאַר ייִדן.

זינג זשע ירושלים,
צעבלי און דערוועק זי אין שלום
ווי שולמית שיינקייט צו איר ליכטיק אויסדערוויילטן
אויף דער האַרפע פון בענקשאַפט, זינג, דגול מרבבה,
ליליען, פון אַשכּנז ליליען, פון בבל
זינג זיי דאָס לאַנד, אַנטפּלעק זיי דעם פרידן,
דעם חלום, דעם איינציקן וואָרן.

מאַרק שאַגאַל

שויתי —
אַ מנורה, אַלע ליכטער ברענען,
דאָס פּנים, די הויה, דעם באַשעפער צו לויב.
אויסגעקריצט די אותיות; אַ הערש און אַ טויב. —
שויתי.

ביסט אייביק, אָ האַר, אין פרייד און אין צער,
דײַן נאָמען כ׳בין נישט ווערט אָנצורופן.
אין אַלע געשטאַלטן גייט־אויף פון באַהאַלטן
די נשמה, צו קוואַלן דערהויבן.

שטעט, שטעטלעך, הײַזער;
די וועלט, בענקשאַפטן און דערלייזער.
זכות פון זײַן תורה, די ברכה פון זײַן נויט,
דאָס ברויט פון בטחון מיט ענגשאַפט אין לעבן
און אַ ליד פול אמונה פון זײַן פידעלע שפּאַנט.

לאַנד. —
דער קלויסטער דראָט מיטן צלם.
דער סטראַזשניק גייט־אַרויס פון די כּלים. —
אַלץ אין זײַן פאַרבן־פּריז פאַרשריבן.
נאָר ביזן בלויען אָפּגרונט זענען טויערן פאַרבליבן
פאַר צער, פאַר טרויער, ביז ישועות פאַר ייִדן,
ווילדע חלומות באַשיידן מיט פרידן.

אַ בשׂורה דער פאַרגעסענער גאַס:
שמעון־אלי, דאָס קעלבל, די כּשרע בהמות,
דער חתן פון שטעטל, די כּלה פון גורל,
און דער ייִד איבער הײַזער טוט שוועבן;

דאָס עצבֿות אין שׂמחה צעגייט
און אַלע שמות דערהייכן אין קדושה.
און אפשר — ירושה
פֿון מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ,
ביז העט ווײַט אין ארץ החיים —
אינעם לאַנד פֿון לעבן.

מײַן ליד

עמעץ וועט זיכער דערהערן
דאָס ליד מײַנס וואָס זינגט צו דער וועלט
דורך דונער שׂרפֿה־דיקן פֿון האַרמאַטן,
דורך רויש־געפּילדער פֿון ראַדיאָס
און גרויליקן געוויין,
בעת פֿאַרחלשטע עס לעשן זיך די שטערן.

ווי אַ פּלומפּ עס פּליוכעט מײַן ליד מיט בלוט
און רעדט צו זיך אַליין:
בן־אָדם, אַ קלאָג און געוויין צו דיר!
פֿאַרוואָס פֿאַרשטיינט מען אונדזער הויז.
אונדזער טיר? —
אַמיין
נאָך אַ חודש, נאָך אַ יאָר
וועט אַלץ אונטערגיין פֿון בלויזן שלעכטס,
ווי בודהאַ, בראַמאַ און מאַלטוס
האָבן אַרויסגערעדט...

פֿאַרוואָס זשע הענגט די קללה, ווי אַן איינזאַם געזאַנג,
ווי אַ גאַמע אַן אָפּגעהאַקטע
אין פֿאַרוואָרפֿענעם העק אין וויעטנאַמער לאַנד,
און עס פֿאַלן די אַקאָרדן אָפּ ווי העק,
ווי די קייטלדיקע טאַנקען־רעדער אויף קינדערישע קעפּ
און די קלעפּ טרעטן־אײַן און פֿאַרטרעטן
זייערע אויסגעמאָגערטע פֿאַרהונגערטע מאַמעס.

און עס זאָגט צו מיר
מײַן שיר:
ווי באַלד אַ ליד שעלט
איז ווייַ צו דער וועלט!

געניען

ראָז ליכט, רויט ליכט,
אַלץ אין דײַן געזיכט.
ליכט אין שפּיגל,
נאַכט אין טאָג זיך פֿאַרבײַט.

אויפֿגאַנג און זיגל,
צוויי שטערן דײַנע אויגן,
צוויי טרערן פֿאַר מיר.

דו ביסט דער הימל־בויגן,
דער טײַך און די בריק,
דו ביסט דער צוויק
אין מײַן ליד.

דו ביסט די טיר
פֿאַר די היילן,
טורעמדיקע זײַלן,
וואָס איך וועל טיילן
מיט דיר.

קום לאָמיר זיצן

געניען

קום, לאָמיר זיצן איינער לעבן צווייטן
און שווייַגן אַ מינוט.
די וועלט וועט פֿאַרבײַגיין דערווײַל
מיט אַלע אירע קאַראַוואַנען גוטס.
לאָמיר זיצן אַזוי בין הזמנים,
אפשר וועט גאָר זיין רעכט.

אַ גאָרטן וועט זיך צעבליִען,
וועט ווינטערן, פֿאַרוויאַנען,
און מיר וועלן זיצן דאָ אַנטקעגן.

נישט ווײַט אַוועק פֿון דאַנען
וועט זיך אָפּשטעלן תוהו ובוהו,
מעגלעך, אויף אַ ווײַל.
און אַז מירן דערוואַכן —
אַ פֿײַערדיקע זײַל — ברענט און
אַלע שטומע צינגער גיבן זיך די הענט ;
אַן אָקטאַווע קלינגט — פֿרײַנטשאַפֿטס הייך
סאָל און פֿונדאַמענט
אַ סימן :
אונדז ווערט ליכטיק און וואַרעמער דערפֿון.
איז קום, לאָמיר דאָ זיצן
נענטער צו דער זון.

ווען וועט ער קומען!

אונדזער ליד

גייט־אויף אונדזער ליד מיט נײַעם געזאַנג,
ווי שטאָל אויף שטאָל אין האַמער־געקלאַנג,
ווי אַ תפילה פון מי, פון שווייסיקער, רויער —
געזאַנג פון שניטער, באַנער און בויער.

ווי פאַרטויבנד געקריץ אין שטאָלענעם ראָד,
ווי צער פאַרשטומטער, וואָס טליִעט און דראָט,
אַזוי אונדזער וואָרט — אויף געזעטיקטער שטאָט.

ווי פאַרצווייפלונגס־געשרײַ פון תפיסה'שע ווענט,
ווי רעטונגס־אַלאַרם פון שטאָט, וואָס ברענט —
רײַסט אונדזער ליד זיך מיט פויסטיקע הענט.

ווי אַ טשוואָק, אַ האַרטער, אַ שווערער ניט,
אַזוי שלאָגט אַרײַן זיך אין וועלט אונדזער ליד.

ווען איך וואָלט געהאַט

שטיי איך אַזוי פֿאַרקלערט
אין אַ הייל אַ טויבער
און סע קומט מיר אָן קוים אַ קלאַנג,
אַ שטום געזאַנג,
אַ טאַנץ,
אַ כּישופֿדיקער פֿאַנג —
חלומות אויסצוטוישן.

וויינט עס אין טיפֿענישן, וויינט —
שווילט אַריבער מיך און ווײַטער,
אַריבער און אַוועק אין אַ ביטערן באַרוישן.

צום נביא נאָר אַליין, געווען איז דאָס וואָרט פֿון גאָט.
און איך?
וואָס בין איך מיין ווי שטויב,
וואָס האָט אַראָפּצוזינקען,
ווי אַ לויב צו זײַן ערד.
ווען איך וואָלט געהאַט זײַנס אַ וואָרט
וואָלט עס אויכעט קיינער נישט געהערט.

איך בין ווער איך בין

איך בין ווער איך בין און מוז,
דער אָנהייב ווי דער סוף איז באַוווּסט.
נאָר קיינער ווייסט פאַרניינען מײַן פּײַן,
איך בין ווער איך בין און וועל זײַן.

איך בין דאָס געבורט פון חסרונות —
נאָר מײַן האַרץ צו די מזלות עס רופט
מײַנע טעג — זעונגען, חזיונות,
ווי אַ שיכּורער אַן אָנהאַלט זוכט אין לופט.

איך בין דאָס געפּין און גערוף. —
געבוירן חמש־עשר אין אַ ווינטערנאַכט.
איך לעב און גיי־אויס אין דעם רוף
און אין געשריי מײַן מאַמעס אינעם שלאָף.

איך בין דער נסיון. —
און אין מיט פון מײַן לאַנד, איז די וואַנט.
אַ מינוט צו דער וואַנט און מ׳וויל מיך אַלץ קוילן —
אין באַבי־יאַר מיך פאַרשנײַדן, פאַרברענען אין פוילן,
מײַן צער — פאַרהוילן, מײַן ליכט — בלינדן,
מיט ברענענדיקן טרויער מיך בינדן.

פאַר מײַן טאַטן זאָל איך נעמען אַ קיל־שאַנק־אײַז,
פאַר מײַן שוועסטערס פאַרשעמען — אַ באַנק־איבערווײַז,
דעריבער מײַן האַרץ וויינט און זיך רײַסט.

נאָר ווער איך בין און וואָס ס׳זאָל געשען,
מײַנע זיי זענען אַריבער דער ברעם.
ווײַל כ׳בין ווער איך בין און איך מוז
איז דער אָנהייב ווי דער סוף שוין באַוווּסט.

זײַן נאָמען וועט זוועקן

אין שלאָף פאַרזונקענעם זײַן נאָמען וועט וועקן,
אויפהייבן דערשלאָגענע פון שטויב, פון שוועל,
דורך וואַלד און בהלה, פול אומרו און שרעקן,
ער וועט קומען צו זיי, ווי טאָג צו דער וועלט.

צו קינדער פאַריתומטע — שאָפּענע סטאַדעס,
צו היימלאָזע מחנות אין אבל'דיקן שימער,
וואָס בלאָנדזשען און וואָגלען, ווי וועלף נע־ונד'ע —
צו זיי וועט ער קומען און זײַן אַ באַשטימער.

צו מאַמישע תפילות, געפּליסטער און רייד,
פון הערצער צעטריקנט ווי חרובע ברונעמס,
צו זיי וועט ער קומען און זײַן זיי באַשייד —
אַ היים און אַ טרייסט אין זײַן נאָמען געפינען.

און צו יונגען מוטיקע, אויף באַרגיקע הייכן,
וואָס רופן אָן מענטש — אין פינצטערע טעג,
זײַן נאָמען וועט קומען און וועט זיי דערגרייכן —
זיי בײַ־שטיין אין נויט, אין וויסטן געשלעג.

וועט דערשײַנען פאַר זיי בײַ גרענעץ פון נאַכט,
צו אָפּשטעלן שחיטה אין מיטן געשעכט.
אין סאַמע געדונער, אין בלוטיקער שלאַכט —
אין זײַן נאָמען מיר'ן קומען און זײַן דאַן גערעכט.

מענטש

אַלע פֿײַנען ווילן דיך מיט וואָלקנס־נאַכט פֿאַרדעקן.
פֿון וועלט ביז וועלט,
פֿון אײנזאַמקייט אומענדלעכער קום
און זיך אַליין צעהעל.

צערײַס די שווערע כמאַרעס,
זאָל רעגענען אומעטום —
פֿאַר לאָשעקלעך, פֿאַר קינדער און פֿאַר שאָף.
צערײַס דאָס געוועב פֿונעם שלאָף
מיט גוט געמיט.

דאָס לבוש פֿון לאַנד מיט רעגן־בויגן פֿאַרב,
מיט גרינע לאָנקעס, מיט וועלדלעך און מיט ליד.
אַרב דיר די לאַסט, און טראָג זי ווילּיק ! —
אַ געשאַנק דעם מוט, דער נויט.
דערהייב דאָס טעגלעכע ברויט,
קנעט עס אַליין מיט אייגענע הענט,
די פֿרײַנדשאַפֿט פֿאַרפֿלאַנץ אונטער יעדער גרודע ערד.

שטעל דײַן אַקסל אונטער, העלף !

ביז עס ווערט אונטער יעדן בוים
אַנטבלויזט דײַן טרוים,
באַהויכט מיטן פֿײַער פֿון דײַן אויג,
ביז עס ברענט און פֿלאַקערט־אויף, ווי ליכט,
דאָס גרענעצלאָזע ליכט,
פֿון וועלט ביז וועלט.

אַנטלויף נישט

אַנטלויף נישט מײַן ליד, זינג אויס מײַן האַרץ,
זינג אויס דיך, ליד, גיי אויס דעם טרויער,
פון ווייטיק־רינג, פון מי, פון מיד —
זינג אויס דיך, מײַן ליד.

אַנטלויף נישט, מײַן ליד, מיטן וואָרט פון גורל,
נישט זינק מיך אַראָפּ רשעותדיק, ווילד.
אויב ווייען ווערן אין קלאַנגען געשטילט
וועט האָפענונג מײַן ליד געבוירן.

און טרייסט וועט עס ברענגען, און ליבשאַפט קוים
פון אַ נאַכטיקן הימל מיט שטערן באַלויכטן,
און שוועבן איבער מיר אָן גרענעץ, אָן צוים —
אַ ליכטיקער באַשייד פון די טרוימען.

קום!

ווי אַ בלאַט אינעם ווינט וויגט דאָס געמיט,
ניגון און ליד אומרו און שפּאַנונג.
שפּאַן און שפּאַן, טריט און טריט.

קום!
— ס'איז פֿאַראַן שוין די פֿרייד און דאָס ליד,
דאָס וואָרט זיך דערנענטערט צו בשׂורה.
אָט איז דער מענטש אַרויס פֿון דער שורה,
און מ'קען שוין באַגריסן אים
מיט פֿאַרזייעטער ברכה,
מיט פֿרײַנדשאַפֿט פֿון ברידער,
וואָס ווינטשן זיך גוטס,
ווי פֿייגל וואָס שוועבן מלא בטחון,
איבער פֿאַרחתמעטע וועגן און אָפֿענע דרכים,
פֿון פֿאַרפּישופּטן רינג
און פֿון אַלע חלומות געוועבטע.

ווּ די וואָרצלען זיך רײַסן צום ליכט —
צעוואַקסט זיך אַ זעונג
אין בלויע, אין ווײַסע סיגנאַלן פֿון קִיּום,
עפֿענען זיך און פֿינקלען גאָלדענע האָריזאָנטן
ביז טיפֿער אַרײַן אינעם טונקעלן פֿאַס
און אַלע געזאַנגען צעבליִען.

קום, לאָמיר גיין זיי אַנטקעגן.

דער גערעכטער מענטש

דער גערעכטער מענטש לעבט אין נויט
פֿאַרמאַטערט, הונגעריק נאָך ברויט,
פֿאַרן גוף, פֿאַרן גײַסט.

ווער ווייסט?
אפשר וועט מענטש זיך באַזינען
און וועט די גאַנצע וועלט געווינען,
און גאָר דאָס ליכט
צעלײַכטן וועט אין אַלע, אַלע ווינקלען
און די ליכטיקייט וועט פֿינקלען
איבער מאַן, איבער פֿרוי, איבער זקן, איבער קינד?

די זינד —
זי איז גאָר אפשר נישט געוועזן אין זיי,
נאָר צוגעקלעפּט געוואָרן מיט געוואַלט,
און איצט שטראַלט דער מענטש און שטראַלט?

און וויבאַלד אַזוי,
איז אַלץ וואָס פֿינצטער איז, שלעכט און רוי,
וועט צעפֿאַלן אונטער טראָט און שפּאַן,
ביז וואַן דאָס אָנגערויב
צעשטויבט וועט ווערן ווי אַ שטויב,
און די כוואַליע פֿון גרויסן אָקעאַן
וועט פֿאַרדעקן אָט דאָס אַלץ ביזן תהום.

אָ, דער גערעכטער מענטש לעבט נאָך אַלץ אינעם טרוים.

אפשר

ווינט, בלינדער, קום
דורשטיק ליד פון יסורים —
טראָג זאַמד, בלאָז שטויב,
קום און ברענג אַ כמאַרע.
פאַרדעק און פאַרשטום
ביז אַלץ ווערט פאַרגעסן
ווי זיפצנדיק זינגענדיקע תפילות.

דעם געדאַנק פון גאולה
דעםווירבל, דעם בייַסיקן שרייַ,
מיט זאַלץ פון דער טרער
פאַרזיי מיט שוואַרצן וואַלד.
אין לעצטע מקלטן באַהאַלט
אַלץ פאַר אַ קומענדיקער וועלט,
און אפשר — פאַר אַ קומענדיקער ערד.

באַשאַף

א

גאָטס גײַסט פּירט איבער רוים אַ ווילדן ווינט.
איבער נעפּלדיקן טרוים פון חורבות
פאַרלעשט ער די זון.
פון אַש און פון קויל אויסגעברענט די שטאָט
מיט אײַזערנע, צעקרומטע הענט —
חרוב.

און אַ מבול פּליצט,
שווענקט און פאַרוואַשט דאָס אַש און די ביינער,
דאָס זאַמד, דאָס געשרײַ און די שטיינער.
און ער איז איינער.

אַליין ער זעט אַלץ, וואָס געוואָרן איז צעשטערט
אַליין, ער פילט די פּײַן פון אַלץ וואָס האָט געלעבט.
הערט געוויין פונעם דינסטן געוועב
וואָס געוואָרן איז צעריסן.
קומט צו אים דער ריח פון אַ בלוטיק געוויסן
פאַרקילט און פאַראײַזט.
עס שוועבט איבערן ווינטיקן תהום
זײַן גײַסט.

ב

ער וועט די וועלט נאָך אַמאָל באַשאַפן.
פון רעגנס און אײַזיקער קעלט.
וועט אַרײַנבלאָזן זײַן אָטעם אין כוואַליעס פון תהום —
מיט היילנדיקן כח.
און וועט אויסוואַקסן הויך און גרין
אַ בוים,
אַ באַרג,
אַ טאָל
און ערדישע פלוינען.
ער וועט זען ווי עס ווערט געבוירן
אַ וואָרעם,
אַ פיש.
ער וועט אָננעמען די פאָרעם און מיט איר זיך פאַרמעסטן
צום גרעסטן וועט ער זיך מיִען אַרום דעם מענטש,
מיט אים וועט ער זיך קרוינען.

וועט ער קניִען פאַר אים און תפילה צו אים זאָגן
און תחינות,
עס זאָל פאַרגיין דער נעפל, דאָס שוואַרצס
און ס'זאָל אָנהייבן טאָגן.

בין איך ראוי?

בין איך ראוי דען
אויסצורעדן ריכטיק די ווערטער:
גאָט, וועלט, מענטש?
אַז אַ וואָרט
איז געבענטשטע קראַפט,
ווער ס'איז זוכה, דער באַשאַפט,
נאָר ווי איז
ווען מען סע פעלט אַזאַ קלאַנג
צום גרויסן געזאַנג
צו דער הודיה.

און איך,
ווײַל איך האָף צו אַ תפילה בלחש
בייג איך מײַן אויער צו די דנאָען
נאָך אַ מירמל תהילים,
נאָך אַ שפּאַן צום וואָרט, דעם שטילן.

ס'זאָל נישט קומען צו מיר
ווי אַ בלענדיקער וויר,
אַ בומעראַנג געוואָרפן אינעם לויפן אויף צוריק,
אין שטורעם און ווירבל חלילה צעהיצטן,
עס קען חרוב מאַכן אַלץ,
אויב ס'וועט טרעפן אין גאַנג.

אַפילו אַ קלאַנג גענוגט מיר וואָס וועט
היילן. כ'וועל זיך באָדן אין שטילקייט,
ס'זאָל אָפּגיין דאָס עצבות,
ס'האַרץ זאָל זיך פרייען
אין דעם תיקון.

נאָר פאַר די ליפּן איז עס ברכה:
„הבורא פּרי" „שהכּול" פון שטרעבן,
סך־הכּל וואָס פּינקלט מיט סוף
פון פּײַן און פון מאַטער,
אַליין אַזאַ קלאַנג
דערציילט
פון פליגל געפלאַטער.

דאָס וואָרט פון טרייסט

א

ווער וועט ברענגען דאָס וואָרט פון טרייסט,
צו אַלע באַטריבטע און מידע?
ווער וועט דערפרייען די פאַרלאָזטע פון גאָט?
ווער וועט אַראָפּגיין אין תהום פון דער שטאָט,
דעם געפאַלענעם פון זיין נידער צו הייבן?
ווער וועט אָפּשטעלן די פרעס און דאָס ראָד,
ס'זאָל אַ מענטש נאָך אין דערהויבנקייט גלייבן?
ווער וועט זיך לאָזן מיט ליכט אין דער האַנט,
געפינען דעם ליכטיקן טאָג?

ב

וועו מאָרגן וועט קומען,
איבער בערג, איבער טאָל,
צו אַ גרעזל, אַ טײַכל,
צום הערשעלעס פּיס,
צום פאַסטעד געטרײַען,
זײַן שאָף און זײַן פײַפל,
מיט בלוי זיי באַגריסן
און אַליין זײַן באַגריסט —

וועט טאָגן געזאַנג,
איבער וועלט, איבער לעבן,
יעדעס מויל — אַ שמייכלנדיק ליד,
יעדעס אויג — אַ לויטערע פרייד ;
וועט וואַך זײַן, ווי קוואַל,
דאָס מענטשלעכע האַרץ
און היטן דעם טרויער,
פון פאַרגאַנגענעם וועג.
לזכר די טעג ;

וועט בלײַבן פאַרשטאַרט,
פון פײַנען אַ הייל, פון צערן אַ טויער.
און ס'וועט הויערן פאַרשטיינט,
אַ דענקמאָל פון וויי,
פאַרגאַזט און פאַרמויערט...

ווען וועט ער קומען?

אָ, מאַמע מײַנע, ווען וועט ער קומען?
געבן אַ שוועב איבער הײַזער מיט טאָג,
זיך פרייען מיט קינדער ווי אַ קינד זיך פרייט,
ווען וועט ער וואַנדערן אַ זקן אַ גרײַזער
און זינגען אויף וועגן פאַרחלומטערהייט?

ווען וועט ער קומען מיטביימער באַרינגלט
און בלויע הימלען אים שפרייטן אַ דאַך,
ווען וועט ער קומען צעטענצלט, צעשפרינגלט —
אַ האַרץ פון שׂמחה אין וועג זיך צעלאַכט.

ווען וועט ער קומען — ליכטיק־געבענטשטער,
און ער איז און וועט זײַן אַלעמענס פרײַנט,
צו אים אין חרטה אײַלט דער אַנטמענטשטער
אויף אַלע וועגן ווו רחמים דערשײַנט.

קום, אָ קום

קום, אָ קום, מיט אַלע געזיכטער,
מיט טויזנטער אויגן ביז צום דערגרייכן.
אין פינצטער־חושך זיי דו דער דיכטער
און אַלץ וואָס דו דאַכסט וועט צעלייַכטן.

ליכט פאַר אַ וועלט וואָס איז געוואָרן אַ פרעמדע,
אַ ווילדערניש־טונקל, אַ מידבר אין מענטש,
און סכנה קען צילן, קייַן זאַך האָט די ווערט נישט,
דאָס בלוט מיט שעלטונג זיך בענטשט.

שלוזן זענען אָפן, רציחה קען שווימען
און פרייַ נאָך באַוועגן די שווערד,
קום, אָ קום, און זייַ דו דער סימן,
אַז אויס איז די סכּנה, פאַרלאָשן זי ווערט.

באַרעגן, באַטוי דאָס פאַרשטיינטע געוויסן,
אָטעם זייער בענקשאַפט, זייער נשמה אין קלעם,
אייַל צו דעם האַרץ וואָס שיר ווערט צעריסן,
קום, מיט רחמים באַנעם.

אַ לויב

אַ לויב צו די גלייבנדיקע מענטשן,
וואָס זענען גוט,
וואָס קענען נישט באַעוולהן קיינעם
און זיי פּײַניקן נישט זיך, נישט יענעם.
דאָס בלוי פון די הימלען איז זיי בלוי,
זיי האָבן דעם גאַנצן מוט צו זײַן דאָ
נישט קיין גיבורים און נישט קיין פּחדנים
און אומזיסט און אומנישט
האָבן זיי עמעצן ליב.

אַ לויב צו די גלייבנדיקע מענטשן,
וואָס זיי זענען נישט באַטריבט,
כאָטש צער לייגט זיך אויף זייער האַרץ
צום דערדריקן.
זיי האָבן נישט קיין גאוה אָבער וועלן זיך
נישט בוקן פאַר קיינעם.

אונטער לאַסטן נויט גייען זיי אומגעבויגן.
דאָס דערוואַרטן אין זייערע אויגן
איז גאָלדיק־בלוי,
ווי טוי אויפן האַרץ די הימלען
לײַכטן און פינקלען זיי דורך.
איז דעריבער נישטאָ קיין פאַרכט אין זיי.

דאָס וואָרט אויף זייערע ליפּן צעבינדט און באַפרײַט,
און זייער גאַנג ווי אַ תּפילה איז געהערט.
אַ לויב צו זיי, אַ געזאַנג אַזאַ
צו די גלייבנדיקע מענטשן
אויף דער ערד.

אָפענער הימל

אָפענער הימל,
רויכיקע כמאַרע,
דער שׂונא באַנעמט נישט, אַז גאָט איז פאַראַנען,
איז פאַרמישט און פאַרבונדן אין דער בלוטיקער שלאַכט
אין אָטעם פון לעבן ביז סוף פון דער נאַכט.

אין ווינטיקן באַגין,
אין אַזאַ נעפלדיקן צאָרן דער רויך
איבער דער ווונד, ווי אַ דאָרן
ווײנט אויפן האַרץ.
אַ מענטש צאַפּלט פון ווענן זײַן חבר
און גיט אים אַוועק זײַן לעבן.

אָפענער הימל.
ער איז היילן געקומען
און דער שׂונא באַנעמט נישט פשוטן יסוד:
אין מענטשנס האַרץ איז צו דערקענען גאָט,
פונקט ווי די שטערן,
ווי דאָס זײַן און דאָס ווערן
אומענדלעך.

דאָס איז רחמים און טרערן וואָס פאַרלעשן ראַיענדיקן פלאַם
וווּ סע רײַסן זיך שׂרפות איבער יעדן רשות.
דער שׂונא באַנעמט נישט, אַז גאָט איז פאַראַן,
אַז אַלע אויסגעגנג זענען אים באַוווסט
און די באַווײַזן פון אָפענע הימלען
ער באַוואַכט מיט אַ האַנט פון פײַער
שמעלצט ער דאָס אײַזן, שפּאַלט אויף דעם סוד פונעם תהום
אין זײַן ברענענדיקער האַנט איז פײַן און דערלייזן
און דער געחתמעטער גזר פון עמורה און סדום.

אָ, ליכטיקע טויב

אָ, ליכטיקע טויב,
פליגל שפּרייט אויס, קום אָן צו פליִען,
קום זיך באַמיִען אַז וועלט זאָל פאַרבלײַבן,
ווײַל שוואַרצע כמאַרעס הימלען פאַרציִען,
שראַמען בלוט די פינצטערניש קרייצן, —
פלי זשע קעגן גזר און קעגן מבולס פלייצן.

קענסט זײַן די בשׂורה — אָ טויב פונעם האַרץ,
אויסצוהיילן דעם פּחד, די שרעק.
דײַנע פליגל קלאָר אויס, מיט שטראַלן זיי באַדעק,
מיט לויטערן בלוי די אויגן צעבלענד —
אָ, ליכטיקע, עס גייט איצט אין פאַרלענד.

רעגן־בויגן וויל מער נישט הייכן באַשײַנען,
מיט תּפילה וויל קיינער גאָט נישט קריינען,
ווײַל אַלץ איז דאָ און אַלץ איז געווען,
נאָר מענטש, ווּהין זײַן רגע אים פירט,
איז פאַרווירט
און וואָס ער פאַרלירט —

אָ, ליכטיקע טויב אין שטראַלן געצירט.

נישטאָ

ס'איז נישטאָ קיין צער,
קיין גרעסערער צער,
קיין טיפערער טרויער
ווי דער וואָס דו שעמסט זיך
אויסצושרייען.

דו שווייגסט אים אויס ווי דער גולם־שטיין,
וואָס דאָס מויל איז אים גזרדיק פאַרמאַכט,
און די אויגן צוגעשלאָסן מיט נאַכט
אין מיטן העלן טאָג.

שוין אָפּגערעדט אַז ער קען נישט וויינען,
ווייל ווי אַזוי זאָל ער וויינען דאָס געוויין
אַז דאָס האַרץ איז אים שווער און פאַרשטיינט,
און ס'איז אין אים נישט געוועגדט,
נאָר אין די מעכטיקע גאָטס הענט
וואָס קיינער האָט איבער זיי נישט קיין שליטה.

איז דער צער און דער ווייטיק
ווי אַ הילע אַרום אים
און ער איז איינער אַליין אין דער מיט
פון אַ ווייענדיקער וועלט.

פֿאַר טאָג

אַ סטעזשקע אַ פֿאַרשלאָפֿענע בעט זיך:
גיי אַראָפּ נאָר איין טרעפּל
איז דער גאַנצער טאָל אָפֿן
דערנאָך, ממש ביז צום הימל,
שנײַדט זיך דאָ אַ באַרג אַרויף, אַרויף.

טרעט אויף ווייכער ערד.
הער. זי הערט זיך אײַן
אַפֿילו גאָר פֿאַרדרימלט.
סע וועקט דערווײַל זיך נאָר אַ ריח,
אַן עפּלבוים צי אַ טײַך
וואַסער־מירמל דופֿט פֿון פֿײַגן,
פֿון יענעם פּלויט שטרעקן זיך צווײַגן,
ציטרוס־פּרוכט, געל און גרין,
דאָס ווינטל ווייעט, בלאָזט אַהין,
הוידערן זיך מאַראַנצן
און עס שוועבט דער באַרג שאָטנט איבער לאַנד
הײַזער צו פֿאַרפּלאַנצן.

גייט אַ מענטש,
טראָגט ער גראָז אָנגעשניטן.
רינט דער טוי פֿון זײַנע שיך
און דער ריח פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם
זײַנע אויגן גלאַנצן פֿײַכט
קיינער אײַלט אים נישט, קיינער מאָנט אים.
אַ דאָרף איז אויף פֿרי צום מיִען,
ווי ציגעלעך קינדער און ווי בין,
רעדן, זשומען אויך כּלים, חיות,
אַן אייזל הירזשעט, אַ מאַשין —
שמירעכץ, פֿאַרבן און בענזין
וועקן אויף דאָס רוישן.

ס'וועט דורכגיין אַ גייער

ג. מ.

ס'וועט דורכגיין אַ גייער דײַן שוועל
און וועט דיר זאָגן:
גוט מאָרגן, מענטש!
דײַן גרויסע טאָכטער וועט ענטפערן:
זײַ געבענטשט, הייליקע שעה.

ווײַל גאָט עפנט זײַן גוטס צו דער וועלט.
עס גרינט שוין און זינגט דאָס פעלד,
ביימער און זאַנגען נעמען זיך אַרום
מיטן ריח אײַנגעטונקען אין טוי פון לעבן,
זיי טרינקען „לחיים"!

לחיים, קינדער, תמימים, פרייט זיך און פרייט,
שפילט זיך, לאַכט און דערקענט,
אַז נאַכט האָט דערווײַטערט די אימה,
פרימאָרגן דערוואַכט אײַך מיט פייגל אינאיינעם.

באַזאַמען מיט טאָגס אויפשײַנען
אויף גאַסן אויסגעוואַשענע
אין טוי און אין רעגן,
גייט אַ גייער.
ענטפערט די טאָכטער זייער און זייער:
גוט מאָרגן דיר, שמייכל.
אַ היכל מיט פרייד בליט אינעם אויג
שוועבט אין אַ טרער.
און גאָטס וועלטל אין שמייכל
קלאָרט און קלערט.

דאָס ליד פון באַרג

באַרג צום טאָל,
זאַמד צו ערד,
שטעכלדיקע רויז
מדבר באַגערט.

בענקשאַפט פון סאַברע —
קרוינען אויף קעפּ,
רויטע רובינען
אויף נאָדלענע טרעפּ.

פאַרביקע שוועלן
שלעפּן אַראָפּ
דעם הימל אין העלן
קופּער צעגליט.

עס זינגט אים אַ ליד
באַרגיקער האָרב
מיט מאָכן צעגרינטע,
מיט שטייניקן ברוין;
די שקמה, זי שאָטנט,
דער איילבירט — ער שוויַיגט,
ביז אָוונט, זיַין מאַנטל
איבער לאַנד ער פאַרנייגט.

און הײַזלעך באַשויבטע
מיט גאָלדיקן פלאַם,
טראָגן דעם אָפּשײַן
פון מדבר און ים,
פון רחבות און ענגשאַפט,
פון מי און פון פרייד —
דאָס ליד פונעם באַרג
איז אייביק, ווי צײַט.

זײַ אינעם חלום

ג. מ. ט. מ.

זײַ אינעם חלום ווען סע צאַפּלט דאָס האַרץ,
זײַ אינעם ווונטש וואָס ווערט געבוירן.
זינג דעם טאָג וואָס גייט אויף צו זײַן
אַ מאָרגן־העלקייט פון געדויערן.

זײַ מיט מיר,
ווען מײַלער דורשטן
ווי דעם טאָגס אויפגיין
נאָך בענקשאַפט אומגעשטילט.

ווי קילער טײַך וואָס פליסט פאַרבײַ
און שטילן וועט ער יעדנס דאָרשט,
ווי קוואַלן ווונקען אָן, זײַ
רחמים אומדערפאָרשט.

ווי אַ געזאַנג פאַרפולט די וועלט,
אַ רוף פון בלויען הימל.
זײַ האָפענונגס מאָרגן־שאַל,
אויפגעוואַכטער פון דרימל.

זײַ מיט מענטש וואָס דרעשעט ווייץ
ער זאָל פלעווּעס נישט פאַרזייען.
אין זײַנע הענט כוחות פלייץ,
פרײַנטשאַפטן אין דערפרייען.

זײַ דאָס ליד זײַנס, זײַן פרייד־געזאַנג
און צעוואַקס אים ביז דערגרייך,
זײַ די שפע אין זײַן גאַנג
וואָס היים און לאַנד מיט אים דערהייכט.

די באַלאַדע פונעם פּנים און פאַרפּישופטער מוזיק

א

מיר האָט זיך געדאַכט,
אַז אַ טויער האָט זיך פאַרמאַכט
און זיך קעריק געעפנט.
און אַ פּנים האָט געשײַנט
צווישן זילבער־בלויע קלאַרנעטן
ווי שווערדן האַלטן זיך אין וועטן
און שופרות פון אַ ליכט אַרויס
בלאָזן טרו ו ו ו ו
דו. הימל מיט כמאַרעס, דו...
פאַרהאַלט זיך איבער גראָזן
איבער פּײַפּיאָלן ווילדע
און איבער פליינען, —
שפּיל זיי די אַ ל י י נ ע ן.

אויב אַ רעגן איז אין מיטן גיין
גיסט ער סײַ ווי מיט מוזיק פאַרפּישופּט
קליק... איבערן ישוב,
קלאַק... איבערן וואַלד,
דונערן טאַצן און סימפּאָניע שאַלט...
ווי זיי פלאַצן אַזוי זיי שפּילן.
זיי פאַרהילן און פאַרהוילן מיט עכאָס
רויט־גרינע ברענענדיקע קוילן,
ווי שטרײַפן־פאַרבן פונעם האַרץ
ווי דאָס מעטאַל־לײַב
פון דער גאַרער ערד.

ב

יעדער איינער איז ווערט
ווי די גאַסן זײַנע פירן.
יעדער איינער עפּנט זײַנע טירן
פון פאַרהויל
און וואָס אין האַרץ זײַנס און אין מויל
איז נישט שטענדיק זײַן אייגענער אָטעם.

די נאַכט און דער שאָטן
ווי טריפנדיקער טוי פון אַ בוים,
זענען אויכעט נאָר טרוים.
פונעם פאָרהאַנג פון ליכט
אַז ס'בלײַבט אין פינצטער דאָס געזיכט,
דאָס געוויין דאָס שלאָכן דערגרייכט
די מויערן די הייך פונעם צער.
און די מוזיק אַלע וועלטן צעשפּאַרט.
זי קומט אָן צו אים,
זי קומט אָן צו זיי...
צו לאַבירינטן, צו גרײַזן,
צום אויג פונעם נס.
נאָר איר נישט פאַרגעסט: —
ווער סע לײַדט איז געבונדן
ביז איבער די ווונדן פון נאַכט
ווי מיר, אַזוי אײַך האָט זיך געדאַכט,
אַז דער הימל איז געעפנט
אָדער —
ווידער איז פאַרמאַכט.

אין פערדס קעניגרייך

א

אַ דימענט פאַר אַ פּשוטן אייזל —
קיינער וועט נישט געבן מער.
איך קען עס אײַך באַווײַזן.
אין איין אַנטלויפן גיב איך אָפּ אַלץ,
אַפילו דאָס ברויט און דאָס זאַלץ
וואָס איז אָנגעגרייט פאַר מיר.

און ווי כ׳לויף אַזוי אַנטקעגן
איז ער שוין געקריינט —
מלך קישאָט!
און אַלע, אַלע שוועבן צו אים. —
אַ פויגל פליט,
אַ בוים וואַקסט
און אַנדערע חיות וואַלטן אויך אַזוי געלאָפן.

ב

אַז ער אַליין האָט
דאָס הילצערנע פערד,
וואָלט איך אים דערקלערט
און געבעטן
ער זאָל מיר געטרויען און רעטן
אַ שוועב,
ווי אַ טויב אין אַ בלויען טרוים.
כאָטש ביז אונטערן הימלס פענצטער.
אַזוי וואָר ווי כ'לעב
בלייב איך אים שולדיק אַן אייביקן דאַנק.
זאָל ער מיר לאָזן אַ רײַט־טאָן אַליין,
אַדורכקוקן, פאַרגיין אונטער אַ שטערן אַ ווײַטן,
מעג זײַן דער קלענסטער,
נישט אויס פּחדנות אַנטלויף איך פון שלאַכט.
ווי קען מען פון אַ שלאַכט צו אַ שטערן אַנטלויפן
און נאָך אויף אַ הילצערן פערד?
נאָר אויב איר האָט עפּעס פון קלענערן ווערט
מעג זײַן אַ צעבראָכענע אַלטע מאַשין —
איך וועל שוין דערפליִען
איך וועל שוין דערגיין,
ביז וואַנען ס'הייבט אָן זיך דער זשום אין די אויערן,
די צײַטן פון יאָר פאַרלירן זייער דויער.
דאָס ווינטער־טויער איז פיל שענער און וואָרער
אין האַרבן קלאַנגלאָזן פראָסט.
וועל איך זײַן שוין אַליין פאַרן חלום־פענצטער
וואָס איז שטענדיק בלויער, קלאָרער,
פּשוט
און
פראַסט.

פון וווּ דו ווערסט קומען

איבער וועגן
אין בלוי פון חלומות
אין ליכט פון אַנטבלויז
די צײַט גייט אויס מיר
און גייט ערגעץ וווּ אויף.

פאַרהאַלט זיך אויף דער שוועל פון מײַן האַלדז
אַ קוואַל וואָס מיט בענקשאַפטן פליסט
און וויל אַרויסשרײַען:

געבענטשט זײַ אויף וועגן
פון וווּ דו ווערסט קומען
איך ווייס נישט דײַן נאָמען
איך ווייס נאָר אַז גוט,
קום זשע ברענג מוט
קום זשע, אָ, קום
אויף צו זײַן.

*
וועגן איבער וועגן
צעלויפט אייך און פרעגט וועמען איר ווילט
איז אמת אַז ער קומט וועט ווערן דערפילט
און אַלע מיר אַנטקעגן מיט פרייד
גיין אַרויף די וועגן פון צײַט
די וועגן פון קדם
און אָרט פון הײַנט
ברכה אויף ליפּן שטום זיך צעוויינט
און געזאַנג און וואָרט תּפילה געשעפּטש
איז קלאַנגישער שטילער
ווי שוועב פון אַ וואָלקן
העל און צעלויכטן אין הימל.

*

װעגן, אָ, װעגן,
האַרץ און געפֿיל,
אפשר איז בענקשאַפֿט אָרעמער פֿיל
און מעג מען זי ברענגען אויפֿן געדאַנק
װען רעיון אַליין איז אַ געשאַנק
אַ װײַנען־געטראַנק די מחשבה געקלערט
און יעדער װאָס הערט זײַן רוף איז צו שטײַער
און יעדער װאָס קלערט איז פֿלאַם צו אַ פֿײַער
װאָס קען זיך צעפֿלאַקערן אין אַלאַרמען געשריי
קום פֿון דער בענקשאַפֿט זײַ מיט אונדז, זײַ.

װעגן איבער װעגן אין בלוי פֿון חלומות
אין ליכט פֿון געגיי.

סדר פון די לידער

טירן און טויערן

כ׳וואָלט 9
ס׳איז גוט... 10
יום־טוב 11
אַ ניגון פון פלייש און פון בלוט 12
דאַגות 14
אַ ניגון פון האָפן 15
שטיל 16
אין טאָג פון מי 17
גוטע חלומות 18
פון די ווײַטסטע ווײַטן 19
אָנרופן דאָס וואָרט 20
צו ירושלים 21
דאָס גאָלדענע טויער 22
ירושלימס טויערן (א—ז) 23
צו ישׂראל 30
נוה־ים 32
תל־אביב 33
פּייזאַזש 34
אַליין בײַם ברעג 35
בנין 36
כ׳וואָלט געבעטן (א—ב) 37
אַ טויער צו די הימלען 39

אַ בוים אין פענצטער

אַ בוים און אַ פענצטער 43
אַ פענצטער צום הימל 44
ס׳איז דאָ אַזאַ פענצטער 45
ס׳האָט אַ פענצטער זיך אויפגעמאַכט 46
אַ צוהר 47

שטייט אַ בוים 48
די סטעזשקע 49
ליגט אַ שטיין 50
אַ בוים איז וואָס ער איז 51
ברון יחד 53
אַן אָפּן פּענצטער 54
אויף די סטעזשקעס פון פּוילישן וואַלד 55
אין אַ ווײַטן טאָג געבוירן 58
דער בוים 59
מײַנע ביימער 60
אַ פלאַנץ 64
פלאַנץ דיר אַ בוים 65
לאָז אים דעם דורשטיקן וועג 66
אַ ווײַטע וועלט אין פּאַרגיי 67
אין דער מיט 68
די וואַנט קוקט אַריבער 69
גייט אַ ליד 70
* (שטיל און שטילער) 71
קאָן זײַן 72
און דער מענטש 73
שוין דורות 74

האַרבסטיקע הימלען

אין האַרבסט 77
אין וועגד פון טאָג 78
אין האַרבסטיקן טאָג 79
בײַם ברעג 80
דו 81
צום פּאָעט 83
אין דערמאָנונג 84
עמק אילון 85
עס דרימלען נישט די פעלדער 86
צום טורעם 88
צום אורטייל 90
אויסער די שטראָפן 91
גערעכטיקייט 92
מאַראַקאַנער 93

אַפּאַגעי 95
קורדישע לאַנדשאַפּט 96
זינג־זאַנגישער ניגון 98
האַרבסטיקע הימלען אין עמק 99
אַקאָרדן 100
איבער מיר 101
* (איר וועט שנײַדן מײַן פלייש) 102
אָקטאָבער 103
די ברכה פון דער ערד 105
פאַרבליפּטע געוויקסן 107
קקיון־ביימלעך 108
יונה 109
אין פאַרביקן בלענד 111
פרי־האַרבסט אין ירושלים 112
שפּעטער פריילינג 114

אייביקער ניגון

לאָמיר זינגען 117
גוט מאָרגן! 118
אַ לויב 119
בײַם ים 120
פריילינג אין דאָרף 122
אַ ניגון אין שטאָט 123
אייביקער ניגון (א—ט) 124
דער זית 133
נישטאָ קיין פאַרגלײַך 134
פון מידבר סיני (א—ג) 135
מײַן טאַטע 138
לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי 140
ווינסענט וואַן גאָך 142
מיכאל אַנדזשעלאָ 143
אפרים משה ליליען 145
מאַרק שאַגאַל 146
מײַן ליד 148
געניען 149
קום, לאָמיר זיצן 150

ווען וועט ער קומען

אונדזער ליד 153
ווען איך וואָלט געהאַט 154
איך בין ווער איך בין 155
זײַן נאָמען וועט וועקן 156
מענטש 157
אַנטלויף נישט 158
קום 159
דער געראַכטער מענטש 160
אפשר 161
באַשאַף (א—ב) 162
בין איך ראוי? 164
דאָס וואָרט פון טרייסט (א—ב) 166
ווען וועט ער קומען? 168
קום, אַ קום 169
אַ לויב 170
אָפענער הימל 171
אַ, ליכטיקע טויב 172
נישטאָ 173
פאַר טאָג 174
ס'וועט דורכגיין אַ גייער 175
דאָס ליד פון באַרג 176
זײַ אינעם חלום 178
די באַלאַדע פונעם פנים און פאַרכישופטער מוזיק (א–ב) 179
אין פערדס קעניגרייך (א—ב) 181
פון ווו דו וועסט קומען 183